Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 20 גראשען.

היינט 8 זייטען.

נייער פאלקסבלאט

№ 171	Łódź, Czwartek, 24 lipca 1930 r.	אכטער יאהרגאנג	לאדז, דאנערשטאג כ״ח תמוז תר״ץ	№ 171

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

מוראדיגע ערד-ציטערניש אין איטאליען

הונדערטער דערהרגעטע און טויזענטער פערוואונדעטע. — גאנצע שטעט חרוב געווארען. — דער שאדען בעטרעפט מיליארדען לירעס

די בעפעלקערונג ענטלויפט אין פאניק פון די שטעט

נעאפאל, 23 (ספ. טעל.) די פערגאנגענע נאכט איז אין נעאפאל און דער אומגעגענד פארגעקומען א שרעקליכע ערד-ציטערניש.

ארום 1 א זייגער ביינאכט איז איבער נעאפאל אויפגעקומען א געוואלדיגער שטורם מיט רעגען און בליצען. פלוצלינג האט מען דערפילט א שטארקע ציטערניש, וואס האט געדויערט 46 סעקונדען. באלד נאך דעם ערשטען ערד-שטויס האט מען געפילט צוויי קלענערע.

דאס עלעקטרישע ליכט איז באלד פערלאשען געווארען און די הייזער האבען זיך אנגעהויבען צו וואקלען. אין די הייזער האבען זיך געבילדעט גרויסע שפאלטען און א סך הייזער זענען איינגעפאלען.

אין דער פולשטענדיגער פינסטערניש, וואס האט געהערשט אין דער שטאדט אין צווישען דער בעפעלקערונג אויסגעבראכען א מוראדיגע פאניק. אין טויזענטער זענען די איינוואוינער ארויסגעלאפען פון די הייזער און מיט געשרייען ווילד געלאפען איבער די גאסען.

אויך א סך ערטער זענען אויסגעבראכען שרפות.

ערשט אין א פאר שעה ארום בעת עס האט אנגעהויבען צו טאגען זענען די פאליציי, מיליטער און די פייערלעשער צוגעטרעטען צו די רעטונגס-אקציע. באלד אין ערשטען מאמענט פון דער רעטונגס-אקציע האט מען פעסטגעשטעלט, אז אויף די גאסען פון נעאפאל ליגען 10 טויטע און עטליכע הונדערטער שווער פערוואונדעטע.

די פארשטאט פון נעאפאל קאסא די מאנטעאי און נאחי גראטא האבען שטארק געליטען; כמעט אלע הייזער אין די דאזיגע פארשטאט זענען צושטערט געווארען. די פארשטאט אמענא, וואס איז בעוואוינט דורך דער סערמעגליכער בעפעלקערונג פון דער שטאדט איז פולשטענדיג צושטערט. דער פאלאץ מאדענא איז חרוב געווארען. אין פערשידענע טיילען פון דער שטאט ברענען נאך שרפות.

פון אונטער די חורבות נעהמט די פאליציי און פייערלעשער ארויס נייע קרבנות. די צאהל דערהרגעטע און פערוואונדעטע לאזט זיך נאך נישט פעסטשטעלען.

נעאפאל, 23 (אטאו) דער צענטער פון דער ערד-ציטערניש איז געווען אין פיסציאנא, 36 קילאמעטער אויף צפון — מזרח פון נעאפאל.

פון די שטעט וואס ליגען נעהנטער צום דאזיגען צענטער קומען אן שרעקליכע ידיעות. זייגען דעם גרויסען אומגליק, וואס האט געטראפען די דארטיגע בעפעלקערונג. אין אריאנא און אורפינא זענען פאראן הערהרגעטע און פערוואונדעטע, דאס זעלבע מעלדעט מען אויך פון כיאנע, וואו א סך הייזער זענען איינגעפאלען בעגראבענדיג אונטער זיך די איינוואוינער. די שטעט אנדרעטא, טארעלא, אסקאלי, ראפאריאנא און קאנצעלעגא זענען פולשטענדיג צושטערט. אויך אין אוועלינא האט די ערד-ציטערניש אנגעמאכט גרויסע חורבנות.

רוים, 23 (ספ. טעל.) גאנץ איטאליען איז פערצווייפעלט אין טרויער צוליב דעם גרויסען אומגליק פון דער ערד-ציטערניש. וועגען די צאהל קרבנות זענען נאך קיין גענויע ידיעות נישט פאראן. ווי מען איז אבער משער זענען פאראן הונדערטער דערהרג׳עטע און טויזענטער פערוואונדעטע. דער שאדען בעטרעפט מיליארדען לירעס.

פון גאנצען לאנדס איילען אויף דעם געביט, וואס האט געליטען פון דער ערד-ציטערניש רעטונגס-עקספעדיציעס צו ברענגען הילף די פערוואונדעטע און די פאמיליעס פון די דערהרג׳עטע.

צווישען דער בעפעלקערונג הערשט ווייטער א שרעקליכע פאניק. די גרעסטע טייל האלט זיך אונטער דעם פרייען הימעל מורא האבענדיג, אז די קאטאסטראפע זאל זיך נישט איבער׳חזר׳ן.

רוים, 23 (ספ. טעל.) די ערד-ציטערניש האט זיך אויך געפיהלט אין קאמפאניע און אין א ריי פראווינצען.

פון באריו, קארי, טאטשיא, מעלווי מעלדעט מען וועגען גרויסע פערוויסטונגען, וואס די ערד-ציטערניש האט אנגעמאכט.

אין אסקאטא זענען אונטער די חורבות בעגראבען געווארען צוויי פערזאן, עטליכע הונדערטער זענען שווער פערוואונדעט געווארען.

אין זשאנא זענען כמעט אלע הייזער צושטערט געווארען. אין נאצענא זענען צושטערט געווארען די ארטעלעריע קאזארמעס.

די איטאליענישע בעפעלקערונג איז בעהערשט פון דער פאניק. זי פערלאזט די שטעט און האלט זיך אויף די פלעצער פאר דער מורא, אז די ערד-ציטערניש זאל זיך נישט איבער׳חזר׳ן.

רוים, (אטאו) פון פאטאנצא און מען מודיע, אז די אומגעגענד פון וואולטורע האט בעזונדערס שטארק געליטען. אין מעלפי זענען פערהאן איבער 100 טויטע און אוינגע הונדערט פערוואונדעטע. אין ראפאלא 20 דערהרג׳עטע און 30 פערוואונדעטע. אין רעגענא 11 טויטע און 50 פערוואונדעטע.

די צאהל טויטע וועט זיך ארויס צו זיין גרעסער ווי מען האט פריהער אנגענומען.

פון רוים איז ארויסגעשיקט געווארען א ספעציעלער רעטונגס-צוג אונטער דער לייטונג פון פרעזידענט פון איטאליענישען רויטען-קרייץ.

רוים, 23 (אטאו) פון אלע נארניוואגען זענען אפגעשיקט געווארען מיליטער אפטיילונגען צו הילף אין די געליטענע געביטען. דאס ארויסנעהמען די טויטע און פערוואונדעטע פון אונטער די חורבות רוקט וויטער. אומעטום שפילען זיך אפ הארצרייסענדע סצענעס. אין ריאהעיראא, וואו עס איז איינגעפאלען א יתומים-הויז האט מען אונטער די חורבות געפינען א פרוי, וואס האט זיך מיט איהר קערפער בעמיהט צו שיצען דריי קינדער. אליין איז זי אבער דערפייי דערהרג׳עט געווארען.

אין דער פראווינץ הערענציא האבען זיך ארום 4 א זייגער און האלב 7 די ערד-ציטערניש איבער׳געחזר׳ט. אין מעלפי, וועלכעס האט אממייסטען געליטען איז אויך איינגעפאלען דאס היסטארישע שלאס פון קייזער פרידריך דעם 2-טען. א חוץ דעם זענען נאך חרוב געווארען מעהרערע קירכען.

רוים, 23 (אטאו) די גענויע צאהל פון די טויטע איז בידאווצט נאך נישט פעסטגעשטעלט געווארען. אין פעטענציא האט מען ווידער געפיהלט אונטערערדישע שטויסען. זיי האבען אבער קיין שאדען שוין נישט אנגעמאכט.

א דאנק די ענערגישע שריט פון דער פאליציי און מיליטער איז נאך רעכטצייטיג געווארנט געווארען פאר וואוינונגען פאר די הייזלאזע.

די שטאט מאלפי, וועלכע האט אממייסטען געליטען איז שוין אין יאהר 1858 געווען פולשטענדיג צושטערט געווארען דורך אן ערד-ציטערניש.

מיטגעפיהל-דעפעשע פון מלוכה-פרעזידענט צום איטאליענישען קעניג

ווארשא, 23 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) אין צוזאמענהאנג מיט דער ערד-ציטערניש אין איטאליען האט דער מלוכה-פרעזידענט מאשטשיצקי ארויסגעשיקט א מיטגעפיהל-דעפעשע צום איטאליענישען קעניג, און אויסערן-מיניסטער זאלעסקי צום איטאליענישען אויסערן-מיניסטער גראנדי.

אויך אין אונגארן ציטערט די ערד

בודאפעסט, 23 (סס. טעל.) היינט 1 א זייגער ביינאכט האט מען אין בודאפעסט געפיהלט א ערד-ציטערניש.

צוגערויבט 2 וואגאן סחורות אויף א סומע פון אנדערהאלבען מיליאן זלאטעס

דרייסטער באנדיטען אנפאל אויף א צוג צווישען גראדזיסק און זשיראדאוו

גראדזיסק, 23 (טעלעפאניש). אין דער פערגאנגענע נאכט האבען באנדיטען אויף דעם וועג צווישען זשיראדאוו און גראדזיסק בערויבט צוויי וואגאנען פון א משא-צוג.

אין איין וואגאן האט זיך געפינען פערפומעריע, מעדיקאמענטען און אנדערע אפטייק-ארטיקלען פון פראנקרייך, וואס איז אויף דער צאלקאמער אפגעשאצט געווארען אויף דער סומע פון 500 טויזענד שווייצארישע פראנק.

אין צווייטען וואגאן האבען זיך געפינען ענגלישע מעטאל-אויסארבייטונגען אין ווערט פון 400 טויזענד זלאטעס.

דער ערשטער האט בעמערקט די גנבה דער קאנדוקטאר יאגעלא, וועלכער האט תיכף מודיע געווען וועגען דעם דעם ריוויזאר פון דער באהן-בעצירק אין גראדזיסק, קוקלינסקי. די פאליציי האט תיכף ארויסגעשיקט פאטרולען נאכצוזוכען די באנדיטען און אין וואלד אין יאקטאראוו האט מען נאך געפינען צוויי קאסטענס פון רויב. דאס איבעריגע האבען די באנדיטען בעוויזען אוועקצופיהרען אין ווארשא.

די אבלאווע, וואס איז תיכף אראנזשירט געווארען און אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט דער פאוויאטאוויע נאטשעלניק קאסים, קאמיסאר קושינסקי און 40 רייטער-פאליציאנטען האט נישט געגעבען קיין שום רעזולטאט.

פליגען-קאפער „Grand"

זענען די איינציגע, אויסגעפרובטע און בעסטע אין דער וועלט!

קויפט אלע פליגען-קאפער נאר „GRAND"

Dr. med. FELDMAN

אקושער און פרויען-ארצט

Rzgowska 5, tel. 191-08

נעהמט אן פון 3–5 נאכמיטאג און אין דער לעצטע ניצע Piotrkowska 62 פון 5.30–7.30 נאכט

שטאטיש טעאטער

ציגעל-גאס 63.

יאר XV.

אנס. מ. מואה.

גאסטראלען פון דער ווילנער טרופע

היינט, דאנערשטיק, 24 יולי, 8.45 אוונט, צו פאפולערע פרייזען פון 50 גר. ביז 3.50

צום 4-טן מאל

ביינאכט אויפן אלטען מארק

פון י. ל. פרץ.

מארגן, פרייטיק, דעם 25-טן יולי, 8.45 אוונט

א מעשה מיט הערשעלע אסטראפאליער

עדת-ישראל •• עדת-ישראל

ב״ה פ׳ לסדר והיתה לעדת-ישראל למשמרת

מילך און שפייזע-האלע

אונטער די השגחה פון „עדת-ישראל"

איבערראשענד נייעס אין דער יודיש. וועלט!

יעדער וואַרשעווער, פראווינצער און אויסלענדישער רעליגיעזער יוד, וואס וויל נישט נכשל ווערען אין מאכלות אסורות, נבלות וטרפות מוז בערענקען, אז אין

1) צוקערניע דזיקע 20, פעטער

2) „ מילע 21, הערמאנשטאט

בעקומט ער אלע סארטען געבעקס, קעז און, שמיעטענקאַנפעקסטען, מילכיגע בעבעס, סארטען א. ד. ג. מילך, קאווע, קאקאא, שארלע מילך, קעפיר, פוטער, קעז, שוויצער-קעז, טאמאטען, שאף-קעז, יארסקע זופען, יארסקע קאטלעטען, לעבעדיגע פיש און פערשידענע אנדערע יארסקע מאכלים.

היגיענע, העפליכע בעדינונג, ביליגע פרייזען

אלס גאראנטיע כשר מוז דער שוץ-מארקע פון עדת-ישראל.

גלאטבעמעטיג א פערקויף-שטעלע פון יעדען קוואנטום פוטער, עקט. שטעמפעלירטע פון עדת-ישראל.

שרעקליכע קאטאסטראפע אין דייטשלאנד

בעת די בעפרייאונגס-פייערונג אין רהיינלאנד

א בריק מיט 100 מענשען פאלן אין וואסער אריין

ביז איצט ארויסגענומען 39 טויטע

קאבלענץ, 23 (ספ. טעל.) בעת די פייער-ליכקייטען אין איבער-רהיין, אין וועלכען עס בעטייליגט זיך אויך פרעזידענט הינדענבורג איז היינט געשעהען א שרעקליכע קאטאסטראפע.

א גרויסער המון האט זיך פערזאמעלט אויף דער בריק, בכדי זיך צוצוקוקען דער אילומינאציע פון דעם אלטערטימליכער פאלאץ עהרענברייטענ-שטיין. פלוצלונג האט זיך דער בריק איינגעבראכען און איבער 100 פערזאן זענען אריינגעפאלען אין וואסער און צוגעדריקט געווארען פון די בעלקעס, וואס זענען אויף זיי ארויפגעפאלען.

פון 4 א זייגער פארטאג האט מען פון אונ-טער די חורבות ארויסגענומען 38 טויטע קערפער, די צאהל קרבנות איז אבער א סך גרעסער, מען האט אבער צו זיי נאך נישט געקענט צוקומען.

קאבלענץ, 23 (אאט) דאס שרעקליכע אומ-גליק בעת די רהיין-פייערונגען געהערען צו די טראַ-גישסטע, וואס איז מעגן עס איז געשעהען אין קאב-לענץ. פון די 34 טויטע, וואס מען האט ביז איצט ארויסגענומען האלט זיך א גרויסער טייל פון זיי אויך פעסט ארומגענומען, אז מיט גרויס מיה האט מען זיי געקענט פונאנדערייסען. א הונץ די רעטערינ-קענע, זענען 25 פערזאן פערוואונדעט געווארען, 6 פון זיי זענען אפגעשיקט געווארען אין שפיטאל.

צווישען אנדערע האט זיך אויך אויף דער בריק געפינען א גרויסע צאהל שילערינס פון א מיידעל-פענסיאנאט. 4 פון די שילערינס האט מען שוין ארויסגענומען פון וואסער. היינט איז אנגעקומען די לייטערין פון פענסיאנאט, וועלכע האט ערקלערט, אז עס פעהלען נאך 5 שילערינס. מען איז זיך משער, אז זיי געפינען זיך נאך צווישען די רעטערינקענע, וועלכע מען האט נאך נישט ארויסגענומען.

קאבלענץ, וואס איז צוליב דעם בעזוך פון הינדענבורג נאך דינסטאג געווען פול מיט בעד-גייסטערונג איז איצט פערהילט אין טרויער. אלע דעקאראציעס פון די הייזער זענען אראפגענומען געווארען.

טריער, 23 (אט.או.) פרעזידענט הינדענ-בורג, וועלכער האט היינט געוואלט בעזוכען טריער און אאכען, האט דערוויסענדיג זיך וועגען אומגליק אין קאבלענץ זיך אפגעזאגט פון זיין ווייטערדיגע רייזע.

קאבלענץ, 23 (אטאו) די צאהל טויטע, וואס זענען ארויסגענומען געווארען פון וואסער איז געשטיגען אויף 39. די טייך-דירעקציע איז אין דער מיינונג, אז נאך א קליינע צאהל טויטע מוזען זיך גע-פינען אין שליים פון טייך. ביי דער פאליציי זענען גע מעלדעט 18 פאלען וועגען פערזאנען, וואס זענען פערשוואונדען. צי זיי זאנען אבער זיין אומגעקומען בעת דער קאטאסטראפע איז נישט פעסטגעשטעלט געווארען.

די לויה פון די אומגעקומענע איז בעשטימט געווארען אויף שבת.

בלוטיגער באנדיטען-אנפאל אויף א צוג

בערויבען די פאסאזשירען און דערשיסען א קאנדוקטאר

בוקארעשט, (ספ. טעל.) אויף דער רומענישער סטאציע אפאריא נעבען קאנסטאנצא איז אויסגעפיהרט געווארען א גע-וועהנליכער באנדיטען-אנפאל אויף א פאסאזשיר-צוג.

צוליב גאס-רעגען איז דער צוג פאמעליך פערביינגעגאנגען א סטאציע. פלוצים האט א גרופע באנדיטען אטאקירט דעם צוג, די באנדיטען זענען אריין אין די קופעען פון 1-טער קלאס און גענומען אהן פארוואס בערויבען די פאסאזשירען. ביי איין סוחר האבען די באנדיטען צוגענומען א גרויסע סומע געלד, ביי א בעריהמטען פירעל-ווירטואז זיין טייערע פידעל.

די באנדיטען האבען צוגענומען ביי די פאסא-זשירען אלע ווערטזאכען, וואס זיי האבען נאר ביי זיך געהאט.

איינעם פון די פאסאזשירען איז געלונגען צו אנ-צואלארמירען דעם מאשיניסט וועלכער האט דעם צוג פערהאלטען. די באנדיטען זענען זיך צולאפען, אבער אויף דער נאהנטסטער סטאציע האט דער קאנ-דוקטאר בעמערקט עטליכע באנדיטען אויף די טרעפ לעך פון די וואגאנעס.

די באנדיטען האבען בעמערקט, אז דער קאנ-דוקטאר אבסערווירט זיי און זיי האבען אויף איהם אויף ארט דערשאסען. באלד דערויף זענען זיי פערשוואונ-דען געווארען.

קריטיק געגען „אנגלא דזשואיש אסאסיישען"

לאנדאן, 23 (יט"א טעלעגראפיש) אויף דער לעצטער זיצונג פון דער „אנגלא דזשואיש אסא-סיישען" איז שארף קריטיקירט געווארען די זעלבע אינסטיטוציע, ווייל זי גיט ארויס צו מילדע קאמו-ניקאטען בנוגע די געשעהענישען אין רומעניען.

סיים זאל אינגיכען פונאנדערגעלאזט ווערען

און עס זאל בעשטימט ווערען נייע וואהלען

סאנאציע בעשלאסען נישט צו בעטייליגען זיך אין די וואהלען

ווארשא, 23 (טעלעפאניש פון אונזער קארעס-פאנדענט) היינט האט זיך אין די פאליטישע קרייזען פערשפרייט א קלאנג, אז גאר אינגיכען זאל ערשיינען א דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט, אז דער סיים ווערט פונאנדערגעלאזט און גלייכצייטיג זאל בעשטימט ווע-רען דער טערמין פון די נייע וואהלען. דער טערמין, ווי מען גיט איבער, זאל זיין וועהר א קורצער און יע-דענפאלס זאל ער נישט איבערשרייטען דעם טערמין, וואס איז פאראויסגעזעהען לויט דער קאנסטיטוציע.

גלייכצייטיג האט זיך אויך פערשפרייט א אנדערע קלאנג, אז די מאסגעבענדע סאנאציע קרייזען האבען אנגענומען א בעשלוס נישט צו בעטייליגען זיך אין די וואהלען.

וואס האט בעוואוגען די סאנאציע אנצונעהמען אזא בעשלוס, צי דאס זאל זיין די מורא פאר א דורכ-פאל ביי די וואהלען, אדער זיי ווילען זיך לאזען פרייע הענד צו עווענטועלע ווייטערדיגע שריט איז נישט בעוואוסט.

מהומה אין די סאנאציע-קרייזען

צוליב די בעשלוסען פון מארשאל פילסודסקי

ווארשא, 23 (טעלעפאניש פון אונזער קא-רעספאנדענט) אין משך פון די לעצטע טעג וועז עס האט זיך שטארק געמוטעלט מיט די קלאנגען, אז מארשאל פילסודסקי זאל כלומרשט האבען בעשלאסען זיך צוריקצוציהען פון פאליטישען לעבען, איז אין די סאנאציע-קרייזען ענטשטאנען א געוואלדיגע מהומה. מען האט געמיינט, אז אין די סאנאציע-קרייזען פער-לירט מען דעם קאפ און בוכשטעבליכען איז מאראַ-לישען זין פון ווארט.

צעהנדליגע זעהר איינפלוסרייכע פערזענליכקייטען פון די סאנאציע קרייזען זענען ארויסגעפאהרען צום מארשאל פילסודסקי ועהען ווירקען אויף איהם, אז ער זאל ענדערען דיינע צוויי לעצטע בעשלוסען: ער-שטענס, אז ער זאל זיך בעטייליגען אין לעגיאניסטען אויף וועלכען עס איז נישט אופן אפלייקענען די קלאנ-צוזאמענפאהר אין ראדאם, און צווייטענס, אז ער זאל גען וועגען זיין צוריקציהען זיך פון פאליטישען לעבען. מארשאל פילסודסקי זאל האבען זיך שטארק אנגע-בייזערט אויף די דעלעגאציעס און ערקלערט, אז מען פערלאנגט פון איהם גאר, אז ער זאל רעדען.

מארשאל פילסודסקי וועט זיין אין ראדאם

קיין רעדע וועט ער אבער נישט האלטען

ווארשא, (טעלעפאניש).

פון גוט-אינפארמירטע קוועלען גיט מען איבער, אז מארשאל פילסודסקי וועט געגען די פריהערדיגע פלאנען — אנטיילנעהמען אין לעגיאניסטען-צוזאמענ-פאהר, וואס וועט פארקומען ד. 10-טען אויגוסט אין ראדאם.

מארשאל פילסודסקי וועט בלויז אנוועזענד זיין אויף די פייערליכקייטען. קיין רעדע וועט ער נישט האלטען.

רעדעס אויפ'ן לעגיאניסטען צוזאמענפאהר וועלען האלטען: גענעראל רידז-שמיגלי און פרעמיער פרל-קאווסקי סלאוועק.

יודישע ארטאדאקסיע און ציוניזם

סימפסאן קאנפערירט מיט הרב בערלין און שטרוק

ירושלים, 23 (יט"א טעלעגראפיש).

סימפסאן האט קאנפערירט מיט הרב מאיר בערלין און הערמאן שטרוק, וועלכע האבען איהם אינפאר-מירט איבער דער בעציהונג פון דער יידישער אר-טאדאקסיע צו דער ציוניסטישער בעוועגונג.

אנטיסעמיטישע עקסצעסען אין יאסי

וויען, 23 (יט"א טעלעגראפיש) די אונגארי-שע טעלעגראפען אגענטור טיילט מיט וועגען שווע-רע אנטיסעמיטישע עקסצעסען אין יאסי.

פאליציי האט ארעסטירט 20 סטודענטען.

ביי דער אויספארשונג האבען די ארעסטירטע ערקלערט, אז זיי האבען געשוואוירען אויסצורוימען אלע יודען פון רומעניען.

געהיימע אנטיסעמיטישע טע-ראר-ארגאניזאציע אין רומעניען

בוקארעשט, 23. (יט"א טעלעגראפיש).

די אויספארשונג וועגען אטענטאט אויפ'ן ניצע-איגערן-מיניסטער האבען געפיהרט אויף די שפורען פון א געהיימער אנטיסעמיטישער, פאשיסטישער טעראר-ארגאניזאציע.

דער אויספארשונגס-ריכטער האט ארעסטירט דעם אנפיהרער פון דער „אייזערנער גווארדיע", קאדריאנו.

די רעגירונג האט בעשלאסען צו שליסען אלע אנטיסעמיטישע קלובען.

קאדריאנו איז נאך דער אויספארשונג בעפרייט געווארען.

ענגלישע יודען פראטעסטירען געגען דער ענגלישער רעגירונג

לאנדאן, 23. (יט"א טעלעגראפיש).

אויף א פערזאמלונג פון אלע סינאגאגען און יודישע אינסטיטוציעס אין ענגלאנד איז אנגענומען געווארען א שארפע פראטעסט-רעזאלוציע געגען דער ענגלישער רעגירונג, צוליב איהר לעצטער פאליטיק און דער בעציהונג צו ארץ ישראל.

אין דער רעזאלוציע ווערט געזאגט, אז די מענות פון דער ענגלישער רעגירונג, זענען נישט איבערציי-גענד און אז דאס ענגלישע יודענטום פעראייניגט זיך מיט'ן פראטעסט פון אלע יודען אין דער וועלט.

נייער סאוויעטישער האנדעלס-פארשטעהער אין פוילען

ווארשא, 23 (טעלעפאניש פון אונזער קא-רעספאנדענט) דער סאוויעטישער ראט פון פאלקס-קאמיסארען האט נאמינירט אלס נייעם האנדעלס-פארשטעהער אין פוילען דעם געוועזענעם פארזי-צענדער פון צענטראלען ווירטשאפטליכען ראט אין מאסקווע און מיטגליד פון צענטראלען אייספיהר-קאמיטעט, סערגעי קלימאכין.

צווייטער טאג פון ארטיסטען צוזאמענפאהר אין ווארשא

ווארשא, 23 (טעלעפאניש פון אונזער קאר-רעספאנדענט). היינט איז צווייטער טאג פון ארטיס-טען צוזאמענפאהר אין ווארשא, האט דער סעקרע-טאר פון ארטיסטען פעראיין יובילער אפגעגעבען א בעריכט וועגען דעם אינטערנאציאנאלען ארטיס-טען צוזאמענפאהר אין וויען.

ראן האט יובילער געהאלטען א רעפעראט גע-געז די פערטיילונג פון די ארטיסטען טרופעס. דער רעפעראט איז בעשטעטיגט געווארען.

דער צוזאמענפאהר ווערט געשלאסען מארגען ראנערשטאג.

דערמארדעט א יודישן הויזירער

דאנציג, 23 (יט"א טעלעגראפיש) ביי דער באהן-סטאציע און אוניסלאוו אין פאמערן, האט מען געפינען א דערמארדעטען, דעם יודישען הוי-זירער בערנארד מירטשינסקי, וועלכער איז דער-מארדעט געווארען דורך איינגע מעסער-שטעכען.

דער מערדער איז ארעסטירט.

א צוזאמענפאהר פון סאוויעטי-שע שרייבער

מאסקווע, 23 (ספ. טעל.) אין חודש סעפ-טעמבער וועט אין מאסקווע פארקומען א צוזאמענ-פאהר פון סאוויעטישע שרייבער.

יין כשר!!!

ווער עס וויל זיך איבערציינגען, אז ווין דארף זיין גוט, כאטש ער קאסט ביליג עמפפעהלען מיר פון דער נייער ערעפענטער ווין און מעהד-פאבריק

עפלאש פון א ¼ ליטער זפהר ווין גוטע ראזינען צו פאבריקס-פרייזען

באר 65 גראשען.

מים שכמונג

ווין- און מעהד-פאבריק „פראגרעס"

אלטער מארק 2

פראצעס וועגן א דערשאסענעם יונגען יודישן ארבייטער

דער אנגעקלאגטער געהיים אגענט ווערט בעפרייט

ווארשא, 23 (טעלעפאניש פון אונזער קאר-רעספאנדענט) היינט איז אין ווארשאווער קרייזגע-ריכט פארגעקומען דער פראצעס אין צוזאמענהאנג מיט דער ערמארדונג פון דעם יונגען יודישען אר-בייטער גרינוואלד, וועלכער איז דערשאסען געווא-רען בעת א דעמאנסטראציע פון יונגען בונד „צו-קונפט" אין 4. דעצעמבער פ. י.

אנגעקלאגט אין מארד איז געווארען דער פאר-לאפיגער יאווראווסקי, וועלכער איז דעמאלס אויך פערוואונדעט געווארען.

ווי בעוואוסט, איז דער מארד פארגעקומען אויף פאלגענדען אופן:

ווען די דעמאנסטראציע איז זיך שוין געדראט פונאנדערגעגאנגען האט זיך פלוצלונג דערהערט א שאס און באלד דערנאך האט מען געפינען אין א קאלוזשע בלוט גרינוואלדען א טויטען און נישט ווייט פון איהם איז געלעגען א פערוואונדעטער דער געהיים-אגענט יאווראווסקי.

דער פראקוראר האט אין געריכט אנגעוויזען, אז יאווראווסקי האט געשאסען אויף גרינזא. דען די קויל איז דאן צוריקגעשפרינגען און געטראפען דעם שיסער אליין.

די עקספערטען האבען אבער ערקלערט, אז עס איז אוממעגליך, אז די קויל זאל זיך האבען צוריקגעקלאפט.

יאווראווסקי איז בעפרייט געווארען.

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז. 24 יולי 1930

די געשעהענישע אין רומעניע און זייערע קאנסעקווענצן

א יודישע דעלעגאציע ביים רומענישען אינערן־מיניסטער. השתדלות פון יודישע פארלאמענטאריער וועגען א נייע אודיענץ ביים קעניג

בוקארעשט (יט"א) דער רומענישער מיניסטער וואידא־וואעוואד האט אויפגענומען א יודישע דעלעגאציע אין בעשטאנד פון סענאטאר דר. מאיר עבנער, מיטגליעדער פון רומענישען פארלאמענט יוסף פישער און דר. י. לאנדאו, ווי אויך דר. מארטאן פון קלויזענבורג. די יודישע פארשטעהער האבען אפגעהאלטען מיט'ן מיניסטער א 4־שעהדיגע קאנפערענץ וועגען דער לאגע אין בוקאווינע און בעסאראביע אויפ'ן גרונד פון מאטעריאלען, וואס זיי האבען פריהער צונויפגעזאמעלט. צום שלוס פון דער קאנפערענץ האט די יודישע דעלעגאציע איבערגעשטעלט פאלגענדע פאדערונגען:

אויפלעזען די אנטיסעמיטישע ארגאניזאציעס, אויפהערן די פאגראמען וועגען רוה־שטערער, געגען אלע אנטיסעמיטישע העצער און אנגעהמען שטרענגע מאסמיטלען געגען אייניגע בעאמטע, וועלכע שטיצען די אנטיסעמיטישע אגיטאציע. אויסער דעם האט די יודישע דעלעגאציע געפאדערט, אז די רעגירונג זאל פערעפענטליכען אן אפיציעלע ערקלערונג, אין וועלכער עס זאל קלאר פרעציזירט ווערען די שטעלונג פון דער רעגירונג צו די אונרוהען און דאס פינאנ־ דערשיקען א צירקולאר צו אלע בעאמטע, וואס אנטעדליגען דאס אינערן־מיניסטעריום מיט דער אויס־ פאדערונג שטרענג צו בעקעמפען די [illegible] די קוזיסטען.

אויף א פרעסע־קאנפערענץ פון יודישען פארלאמענטארישען קלוב האט דר. לאנדאו ערקלערט, אז דער אינערן־מיניסטער האט צוגעזאגט צו בעשטראפען די שולדיגע, אפזאגענדיג זיך אבער צו ערפילען די אנדערע יודישע פאדערונגען, אפשיקענדיג די יודישע דעלעגאציע צום יוסטיץ־מיניסטער. דער יודישער פארלאמענטארישער קלוב איז זיך משתדל וועגען א נייע אודיענץ ביים קעניג קאראל, מיניסטער־פרעזידענט מאניו און יוסטיץ־מיניסטער יונ'אן.

וועגען גרוש־שפאניען און וועגען די ספרדישע יודען

ערקלערונג פון שפאנישען אויסערן־מיניסטער

לאנדאן, (יט"א) אין לאנדאן האט די טעג געוויילט דער שפאנישער אויסערן־מיניסטער הערצאג אלבא, וועלכער האט ערטיילט דעם פארשטעהער פון דער יודישער טעלעגראפען־אגענטור אן אינטערוויא, אין וועלכען ער האט זיך בעזונדערס אפגעשטעלט אויף דער פראגע וועגען דער איצטיגער גילטיגקייט פון דעם שפאנישען קעניגליכען עדיקט פון 1492 וועגען גרוש פון די שפאנישע יודען, וועלכער איז קיינמאל נישט צוריקגעצויגען געווארען דורך א ספעציעלען געזעץ. אויף דער פראגע פון יט"א־פארשטעהער האט דער שפאנישער אויסערן־מיניסטער געענטפערט מיט א פראגע פון זיין זייט: צי האט ענגלאנד ווען עס איז צוריקגעצויגען דעם עדיקט וועגען גרוש פון די ענגלישע יודען, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אין 1290? אויפ'ן יסוד פון דער איצטיגער שפאנישער קאנסטיטוציע זענען אלע געזעצע, וואס זענען ארויסגעגעבען געווארען ביז דעם יאהר 1800, בטל געווארען אויטאמאטיש, אזוי אז עס פערפליכטעט אויך שוין נישט ממילא דער גרוש־עדיקט פון 1492. היינט־צו־טאג זענען די שפאנישע יודען גלייכבערעכטיגט פאר'ן געזעץ און אלע הינזיכטען מיט נישט־יודען. איך פערזענליך ערקלערט ווייטער הערצאג אלבא, האלט, אז די פערטרייבונג פון יודען פון שפאניען איז געווען א פעהלער. אבער יודען זענען נישט דאס איינציגע פאלק, וואס איז דאמאלס פערטריבען געווארען פון שפאניען. אויך די מורען זענען דאמאלס פערטריבען געווארען.

אין משך פון ווייטערדיגען געשפרעך האט דער מיניסטער מיטגעטיילט דעם יט"א־פארשטעהער, דאס די שפאנישע רעגירונג ווייס וועגען דער לאיאליטעט צו שפאניען און דער שפאנישער שפראך ביי דעם הונדערטער טויזענדער יודען־ספרדים, וואס שטאמען פון די שפאנישע יודען און וואוינען אין נישט־שפאנישע לענדער. די שפאנישע רעגירונג האט שוין מיט יאהרען צוריק אנגעקניפט מיט פיל קיבוצים פון די ספרדים ענגע קולטורעלע בעציהונגען. וואס שייך דער פראגע פון צוריקקומען קיין שפאניען פון די דאזיגע יודען איז עס קודם־כל א עקאנאמישע פראגע. אין שפאניען הערשט ארבייטסלאזיגקייט, דאס לאנד איז אינדוסטריעל שוואך ענטוויקעלט, און די יודען וואלטען דא נישט געפונען קיין עקזיסטענץ־מעגליכקייט. מען דארף זיך דעריבער נישט ריכטען, אז א מאסען־איינוואנדערונג קיין שפאניען זאל אין דער נאהענטסטער צוקונפט זיין מעגליך, אלענפאלס, האט הערצאג אלבא פערענדיגט דאס געשפרעך — ווערט די דאזיגע פראגע, צוזאמען מיט פיל אנדערע, איצט בעטראכט דורך דער שפאנישער רעגירונג.

בעשלוס וועגן איינארדנען נייע 17 טויזנט יודישע יוגענטליכע אין ראטען־רוסלאנד

מאסקווע (יט"א) דער צענטראל־קאמיטעט פון „קאמסאמאל" (יוגענטליכע קאמוניסטען) האט אנגענומען א בעשלוס, לויט וועלכע נישט ווייניגער פון 17 טויזענד יודישע יוגענדליכע דארפען היינטיגען יאהר איינגעארדענט ווערען אין די פאבריק־שולען און אויף ארבייט. פון זיי דארפען 5 טויזענד איינגעארדענט ווערען אין דער פאבריק און פאבריק־שולען, וואס גרייטען צו קוואליפיצירטע ארבייטער, 5 טויזענד אין נייע פאבריקען, 5 טויזענד אין דער קאאפעראציע, 1000 אויף בוי־קורסען און 1000 אין טראנספארט. אויסער דעם דארפען א גרויסע צאהל יודישע יוגענדליכע איינגעארדענט ווערען אין די סאוכאזעס (לאנדווירטשאפטען) פון בירא־בידזשאן און אנדערע געגענדען.

דער צענטראל־קאמיטעט פון „קאמסאמאל" האט אויפמערקזאם געמאכט די ארט'יגע ארגאנען, אז אין דער ערשטער רייה דארפען צוגענומען ווערען קינדער פון ארבייטער, נאכהער קינדער פון אנגעשטעלטע, דאן קומען קינדער פון רויטע פארטיזאנער, קינדער פון בירגער, וואס בעקומען פענסיע פון דער רעגירונג, קינדער פון ארימע פאמיליעס, וואס האבען געליטען פון פאגראמען.

אין דער צווייטער קאטעגאריע געהען אריין קינדער פון קאאפעראטיווע האנדווערקער, קינדער פון נישט־קאאפעראטיווע האנדווערקער און [illegible], וואס האבען וואהל־רעכט.

קינדער פון עלטערן, וואס האבען נישט קיין וואהל־רעכט, ווייל זיי בעשעפטיגען זיך מיט קליינהאנדעל אדער מיט אנדערע נישט־פראדוקטיווע ארבייט, דארפען איינגעארדענט ווערען אין דער געווערב־קאאפעראציע, אויף וואלד־ארבייט, בוי־ארבייט, אין בירא־בידזשאן, אויף סעזאן־ארבייט און או. וו.

די אקציע אין ראטענפערבאנד צו אינדוסטריאליזאציע

א רעפעראט אויפ'ן 16־טען סאוויעטישען קאנגרעס

(סוף).

שטורמישע טעמפע אין דער קאלעקטיוויזאציע פון דער לאנדווירטשאפט, — זאגט קויבישעוו, — וועלכע דערלויבען אריבערגעהען צו ליקווידירען דאס קולאקענטום אלס קלאס, דער וואוקס פון דער ראטווירטשאפטליכער בויאונג, די ענטוויקלונג פון מאשין־טראקטארישע סטאנציעס — שטעלען ארויס נייע פאדערונגען דער אינדוסטריע. די דאזיגע פאדערונגען געהען נישט נאר אויף דער ליניע פון'ם נאכפרעג אויף נייע קאמפליצירטע לאנדווירטשאפטליכע מאשינען. עס וואקסען בעדייטענד אויך די פאדערונגען אויף מינעראלע בעמיסטיקונגען, אויף פערקעהר־ און טראנספארט־מיטלען, אויף ארמאטור פון עלעקטרישען בעלייכטונג, ראדיא־אויסשטאטונג און או. וו.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן אריבערפיהרען די לאנדווירטשאפט אויף א נייער טעכנישער באזע איז די לאנדווירטשאפטליכע מאשין־בויאונג געצוואונגען ראדיקאל זיך איבערצובויען.

ווייטער שטעלט זיך קויבישעוו אפ אויף דער בויאונג פון נייע טראקטאר־זאוואדען. אין משך פון אנדערטהאלבען יאהר דארף מען אויסבויען א טראקטאר־זאוואד גיגאנט אין טשעליאבינסק, וואס זאל יעהרליך ארויסלאזען 40 טויזענט טראקטארען. נאך אין א קורצער צייט דארף אויפגעבויט ווערען דער כארקאווער טראקטאר־זאוואד, וואס דארף יעהרליך ארויסלאזען 60 טויזענט טראקטארען. די פראגראם פון טראקטארען־ארויסלאז איז פערגרעסערט געווארען פאר'ן זאוואד „רויטער פוטילאווער" ביז 25 טויזענט שטיק א יאהר.

אבער נישט נאר די לאנדווירטשאפט שטעלט ארויס נייע פאדערונגען צו דער אינדוסטריע. די העכערונג פון די פראיעקטירונגען פון'ם פינף־יאהר אויפ'ן געביט פון'ם פראכט־אומזאץ פערגרעסערט אויך די פאדערונג פון דער אינדוסטריע.

איבערגעהענדיג צו דער ווירטשאפטליך־פארשערישער ארבייט אין דער אינדוסטריע, שרייבט [illegible] קומען דעם טעכנאלאגישען פראצעס. עס זענען נויטיק נייע מיטלען און נייע קוואלען רויווארג א. א. וו. אין אויסלאנד ווערט דער ווירטשאפטליך־אויספארשערישער ארבייט אין דער אינדוסטריע געשענקט א בכבודיגע ארט. עס איז גענוג אנצוּווייזען, אז די אמעריקאנישע „דזשענעראל עלעקטריק קאמפאניע" האלט אויס א לאבאראטאריע אויף אויספארשען די לאמפען־פראדוקציע, וואס קאסט אפ 12 מיליאן דאלאר א יאהר.

אבער אונזערע ווירטשאפטליך־פארשערישע אינסטיטוטען זענען נאך ווייט נישט פריי פון זייערע בעדייטענדע חסרונות.

עס זענען פאראן דערגרייכונגען אויך אויפ'ן געביט פון'ם געאלאגיש זוכערישען וועזען. עס זענען געפונען געווארען נייע ארץ־שיכטען (וואלפראם, ניקל און אנד.). דער עלעקטרא־זאוואד ארבייט איצט אויס א נייע שמעלצונג, וואס איז אנגערופען געווארען „ניעט זיגען".

קויבישעוו קאנסטאטירט די סיסטעמאטישע אפגעשטאנענקייט פון די קוואליטאטיווע ציפערען אין אונזער אינדוסטריע לגבי די קוואנטיטאטיווע. די קוואנטיטאטיווע ציפערען, וועלכע זענען פאראויסגעזעהען אינ'ם פינף־יאהר, ווערען ביי אונז סיסטעמאטיש איבערגעשטיגען, אבער די קוואליטאטיווע שטעהען אפ פונ'ם פלאן. אין 1929—30 יאהר האט די אראפזעצונג פון'ם קריגקאסט, למשל, געגעבען פאר'ן ערשטען האלב יאהר בלויז 6 פראצ. אנשטאט די פראיעקטירטע 11 פראצענט.

אין א רייה אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען ווערט די פראדוקציע־קוואליטעט פערערגערט. דער בראק פון בלעך, למשל, האט זיך פערגרעסערט אין אכט מאל. דער בראק פון רעלסען איז אויפגעוואקסען פון 26 פראצ. ביז 33 פראצ. עס איז ווייט נישט בעפרידיגענד די קוואליטעט פון דער פראדוקציע אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, אין דער לעדער־שוכווארג־אינדוסטריע און אנדערע צווייגען פון דער ליכטער אינדוסטריע און בעזונדערע פאליען דערגרייכט דער פראצענט פון בראק ביז 40.

קורץ אפשטעלענדיג זיך אויף דער מאביליזאציע פון די אינערליכע רעסורסען פון דער אינדוסטריע, געהט קויבישעוו איבער צו די פראגען פון ארבייטס־פראדוקטיווקייט. ער ווייזט אן, אז די ארבייטס־פראדוקטיווקייט אין אונזער פראדוקציע איז אויף 50 פראצ. העכער פון'ם פארמלחמהדיגען ניוואָ און די קאפיטאל־בעוואפענטקייט אויף א איינס ארבייטס־קראפט און אויף 30 פראצ. העכער ווי פאר דער מלחמה, אבער אין פערגלייך מיט אמעריקע און אייראפע שטעהען מיר נאך אלץ זעהר שטארק אפ. אויב איין ארבייטער, למשל, ארבייט ביי אונז אויס 218 טאן טשוגון, ארבייט ער אויס אין אמעריקע 1270 טאן.

פיל אויפמערקזאמקייט שענקט קויבישעוו אין זיין פארטראג די פראגען פון ראציאנאליזירען די פראדוקציע. א גרויסע בעדייטונג פאר דער ארבייטס־פראדוקטיווקייט האט די כסדרדיגע וואך. דאס אריינפיהרען אויף דער כסדרדיגער וואך די גאנצע אינדוסטריע וועט געבען א פערגרעסערונג פון דער פראדוקציע אויף 25 פראצענט.

די ספעציאליזאציע און קאאפערירונג פון די אונטערנעהמונגען גיבען נייע רעזערווען אויף פערגרעסערן די פראדוקטיוויטעט פון די אונטערנעהמונגען. די פערגרעסערונג פון דער פראדוקציע און די פערבעסערונג פון איהר קוואליטעט הענגען אפ אין א בעדייטענדיגער מאס אויך פון דורכפיהרען די סטאנדארטיזאציע (פעראייניהייטליכען די פראדוקטען) און דורכפיהרען דעם אינפראמפלאן ביז [illegible] ווארשטאט.

„עמעס".

מען שמועסט וועגען א נייע רעגירונג

אויפ'ן אינערליכען פאליטישען פראנט הערשט איצט וואפענשטילשטאנד. עס ווייסט נישט קיינער צי זענען וועגען דעם פארגעקומען אונטערהאנדלונגען, מען האט בלויז א ברירה זיך אנצושטויסען, אז עפעס אזעלכעס איז געשעהען, ווייל א פאקט איז, אז די פערביטערטע אטאקעס פון דער פרעסע, סיי פון דער סאנאציע ווי פון דער צענטראלעוו אפאזיציע האט זיך גלייכצייטיג אפגעשטעלט. פון צייט צו צייט ווארפט מען זיך דורך מיט עטליכע פאלעמישע ווערטער אבער אויך אהן בעזונדער פייער. די רעגירונגס־פרעסע האט ווי פערגעסען אין סיים מארשאלעק דאשינסקי, די אפאזיציאנעלע פרעסע דערמאנט נישט מעהר וועגען די „קאנסעקווענצען" פון „צענטראלעוו"־קאנגרעס, עס איז שטיל געווארען אויך מיט'ן אנגעזאגטען פראצעס געגען די צענטראלעוו פיהרער, דער צענטראלעוו ווארט מיט'ן דערלאנגען די נייע פאדערונג וועגען צונויפרופען א אויסערגעווענליכע סעסיע פון סיים.

מען ווארט.

מען זאגט, אז דאס וויל מען איבערווארטען דעם לעגיאניסטען צוזאמענפאהר אין ראדאם און [illegible] מארש. פילסודסקי וועט פערענדיגען זיין אורלויב.

פלוצלונג קומט א זיכערע ידיעה, אז מארשאל פילסודסקי האט זיך שוין בעזארגט מיט א ממלא מקום אויפ'ן אמט פון קריגס־מיניסטער און אליין קלויבט ער זיך אוועקצופאהרען קיין שפאניע, וואו ער וועט פערברענגען לענגער ווי ביז'ן 30־טען אקטאבער.

האט די אפאזיציאנעלע פרעסע גענומען אויסטייטשען דעם דאזיגען פאקט אלס א אנזאג, אז דער מארשאל ציהט זיך צוריק פון אקטיווען פאליטישען לעבען, אז דאס דארף זיין א אנהויב פון א נייעם קורס, פון א שלום מיט'ן סיים, קומט אבער די סאנאציע פרעסע, וועלכע איז מעהר מומחה אויסצוטייטשען די קאנסטיטוציע און בעווייזט שווארץ אויף ווייס, אז דאס בעשטימען דעם גענ. קאנארזשעווסקי אלס לייטער פון קריגס־מיניסטעריום איז על פי הלכות קאנסטיטוציע אין ארדנונג און עס בעדייט גאר נישט, אז מיר האבען היינט צוויי קריגס־מיניסטארען אין פוילען.

די דאזיגע קאמענטארען איבערצייגען אבער קיינעם נישט און זוכענדיג די מאטיווען פון דער סאנאציע וועגען שייל, אז דאס וויל די סאנאציע מאכען א פרוב צו רעגירען אהן מארשאל פילסודסקי, כדי אליין זיך צוצוגעוואוינען צו פערשידענע עווענטועליטעטען און אגב איבערצייגען דער אפאזיציע, אז בחנם איז איהר ווארטען...

די אפאזיציע אבער, גלויבענדיג פעסט אז אלע חכמות און שטיקלעך פון דער סאנאציע וועלען איהר נישט העלפען און פריהער אפילו אדער שפעטער אפילו וועט זי מוזען זיך שיידען מיט דער מאכט, האלט, אז דוקא איצט ווערט שוין געמאכט דער אנהויב פון ריקצוג און אז דאס זוכט די סאנאציע עפעס א אויסגאנג פונ'ם פלאנטער, אין וועלכען זי איז אליין אריין.

און די סיים קולוארען ווייסט מען שוין אפילו אנצורופען דעם נאמען פון נייעם קאנדידאט אויפ'ן אמט פון פרעמיער, סלאוועק זאל אוועק און אויף זיין ארט זאל קומען פראפעסאר פאניקאווסקי. פאניקאווסקי האט שוין אמאל פערנומען דעם אמט פון פרעמיער, נאך דאמאלס ווען פילסודסקי איז געווען מלוכה שעף און טאקע מארשאל פילסודסקי'ס „קאנסטיטוציאנעלע ספקות" האבען זיך אנגעהויבען ביי פאניקאווסקיס קאבינעט און היות ווי דער מלוכה־שעף פילסודסקי האט ערקלערט דעם פרעמיער פאניקאווסקי, אז הגם דער סיים האט צו איהם צוטרוי, האט אבער ער, פילסודסקי, צו איהם נישט קיין צוטרוי, איז דאס פאניקאווסקי אוועק און דעמיסיע צוזאמען מיט זיין קאבינעט. צי דארף דאס איצט דער זעלבער פאניקאווסקי דוקא אויפקלערען און לעזען די „קאנסטיטוציאנעלע ספקות", וועלכע זענען היינט דער לייט־מאטיוו פון קאמף אויפ'ן אינערליך פאליטישען פראנט?

מענשען, וועלכע קוקען אביעקטיוו אויף די געשעהענישען אין פוילען פאר די לעצטע עטליכע יאהר, האלטען, אז אלץ, וואס געשעהט איצט איז נישט עפעס אנדערש ווי א מאנעווער פון דער סאנאציע כדי ארויסצוקריגען ביים סיים א נייעם מלוכה־בודזשעט. סלאוועק ווייסט, אז זיין רעגירונג קען נישט קומען צום סיים נאך עפעס אנדערש ווי נאך א... אונצוטרוי וואטום. און אזא פאל בלייבט אבער: פונאנדערלאזען דעם סיים — א מפלה פאר דער סאנאציע, א מלוכה־איבערקעהרעניש — די אינטערנאציאנאלע און אינערליכע סיטואציע פון פוילען מאכט דאס אוממעגליך. דעריבער איז פערהאן נאר איין אויסוועג — א שלום מיט דער אפאזיציע נאך פאר'ן 31־טען אקטאבער.

שמועסט מען טאקע וועגען דעם ענטשטעהן פון א נייע רעגירונג.

—ל.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

דאנערשטאג 24 כח תמוז תר"ץ

יולי
זון-אויפגאנג 3.38
זון-אונטערגאנג 7.45

געריכטס-אויפזיכטען און פראלאנגאציעס

טעגליכע כראניק פון האנדעלס-געריכט

די פירמע „ש. שפיץ" (טעקסטיל פאבריק פא־לודניאווא 18) האט זיך אין מאי געווענדעט אין גע־ריכט וועגען פראלאנגירען איהר די צאהלונגען. דער בילאנס פון דער פירמע בעטרעפט 530,000 זל. דער עקספערט האט פעסטגעשטעלט אז די פיר־מע איז געגרינדעט געווארען אין 1902 י. אלס מאר־נופאקטור סקלאד, און 1919 איז די פירמע פער־וואנדעלט געווארען אין א פאבריק, וואס האט גע־האט 25 שטולען אונטער דער פירמע שפיץ און סטרי־קאווסקי. און 1924 איז די פירמע געווארען דאס אייגנטום פון שפיץ אליין, וועלכער האט אין 1927 י. פערגרעסערט די אונטערנעהמונג ביז 70 שטו־לען און בעשעפטיגט 50 ארבייטער. די פירמע פיהרט נישט קיין האנדעלס-ביכער דער בילאנס האט זיך פאר דער צייט שטארק געענדערט. דאס געריכט האט פראלאנגירט דער פירמע די צאהלונגען אויף א חודש.

* * *

די פירמע קאפעל, גוטמאן און פערלבערג האט בעקומען א פראלאנגאציע פון די צאהלונגען אויף 3 חדשים. דער ריינער פערמעגען פון דער פירמע בעטרעפט 267.375 זל.

די פירמע „וולאדיסלאוו זילבערשטיין" האט בע־קומען א פראלאנגאציע פון די צאהלונגען אויף 3 חדשים. דער בילאנס פון דער פירמע שליסט זיך מיט דער סומע פון א מיליאן מיט 300 טויזענד וואס דער אייגענער קאפיטאל בעטרעפט 52 פראצ. פונ'ם בילאנס די פליסיגע און האלב פליסיגע קאפיטאלען בעטרעפען 20 פראצ. פון די חובות.

דער סכסוך צווישען קליינהענדלער פון פרוכטען און די הורטאוניקעס נאך נישט ערלעדיגט

אזוי ווי מיר האבען שוין געבען מיטגעטיילט קומען פאר קאנפליקטען צווישען די הורטאווניקעס און קליינהענדלער אויף יונה פילצערס פלאץ.

נעכטען פריה זענען אויפ'ן פלאץ געקומען די קליינהענדלער פון בושעשינער 19 וועלכע האבען שוין געהאט פון פריהער בעשלאסען גארנישט צו קויפען ביי די הורטאווניקעס.

אויפ'ן פלאץ האבען זיך געפונען הורטאווניקעס מיט זייער סחורה. עס זענען געמאכט געווארען פרא־בעס צו א פערשטענדיגונג אבער דערפון איז גאר־נישט ארויסגעקומען.

דאן האבען די הורטאווניקעס אויפגעלאדען זיי־ערע סחורות אויף וועגענס און געוואלט שיקען אין שטאט אריין. אויף דעם באדען איז געקומען צו מח־לוקות צווישען די הורטאווניקעס און קליינהענדלער, און די קריגעריין זענען איבערגעגאנגען אין געשלעגען.

אין א קורצער צייט האבען די געשלעגען אנ־גענומען גאנצען פלאץ און צעהנדליגער רומעניכאפט דעם נאנצען פלאץ און צעהנדליגער נרופען מיט'ן אנטייל פון הונדערטער מענשען האבען זיך בלוטיג געשלאגען מיט אלעמרלינג וואס ס'איז זיי נאר געקומען אין די הענד אריין. בלוט האט גע־נומען רינען איבער'ן גאנצען פלאץ. דערווייל האט עמיצער צווישען געגעבען די פאליציי און באלד איז געקומען אויפ'ן ארט פון געשלעג א גרויסע צאהל פאליציי-אפטיילונגען.

פאליציי האט ענערגיש אינטערווענירט און האט צעהנדליגער פערזאן ארעסטירט. די געשלעגען האר־בען אבער נישט אויפגעהערט.

צעהנדליגער פערזאן זענען בלוטיג צושלאגען געווארען.

* * *

וועגען די קאנפליקטען אויף יונה פילצערס פלאץ טיילט מען נאך אונז מיט.

ווי בעוואוסט קומט צווישען די קליינהענדלער פון פרוכטען און די הורטאווניקעס פאר א סכסוך. אין שייכות הערמיט האבען נעכטען אינדערפריה ווען די קליינהענדלער זענען געקומען אויף יונה פילצערס פלאץ און געזעהען, אז צו דער סחורה, וואס זיי וועלען נעהמען ביי די הורטאווניקעס וועט זיי דארפען צולייגען, בעשלאסען איינגאנצען נישט צו קויפען קיין סחורה.

די הורטאווניקעס, זעהענדיג, אז זיי קענען בלייבען מיט דער גאנצער סחורה, האבען זיך בעמיהט וואו עס איז צוקומען צו אן'אויסגלייך. דאס איז אבער נישט געלונגען און די געמיטער זענען מעהר דערהיצט. עס איז געקומען צו שטארקע מחלוקה'ן און אין א געוויסען מאמענט האט אפילו א געוויסער הורטאווניק געכאפט א מעסער און זיך געווארפען אויף די קליינהענדלער. עס איז ענטשטאנען א טומעל. וועלכע האט זיך פער־וואנדעלט אין א גרויסע מהומה. די אנגעקומענע פאליציי האט ארעסטירט ביז 50 קליינהענדלער און אפגעפיהרט אין קאמיסאריאט.

א דעלעגאציע פון די קליינהענדלער איז באלד דערויף אוועק צום סטאראסטא און נאך אן'אינטער־ווענץ פארשטעלענדיג דעם סטאראסטא א מעמאר־יאל וועגען דער לאגע פון די קליינהענדלער. דער סטאראסטא האט פערארדענט, אז עס זאל באלד אפגעשיקט ווערען אן'אויספארשונגס־קאמיסיע, וואס זאל דעם ענין בעטראכטען.

אויך ד"ר שיפמאן און לאזוניק יאגעל האבען אינטערווענירט און א דאנק דעם זענען די אַרעס־טירטע נאך נעכטען אין אווענד בעפרייט געווארען.

ווי מיר דערוויסען זיך זענען די קליינהענדלער ווייטער ענטשלאסען נישט צו קויפען קיין סחורה ביי די הורטאווניקעס.

צוויי יודען פון לאדז און פון גער

אינטערנאציאנאלע שווינדלער זענען געכאפט געווארען אין פאריז

פון פאריז איז מען מודיע, אז צוויי שווינדלער זוסמאן און שמאל, האט די פאריזער קרימינאל-פאליציי ארעסטירט.

עס ווייזט זיך ארויס, אז די ביידע גנבים האבען „געארבייט" אויף א גאר גרויסען פארנעהם. שוין לאנג, אז די פאליציי פון פערשידענע לענדער האט די געזוכט און נישט געקאנט כאפען.

גרשון זוסמאן איז געבוירען דעם 18. מאי 1891 אין גער, ביי ווארשא. אין פאריז האט ער געוואוינט אויף די רוע ליערמאטאוש. ער האט זיך אויסגעגעבען אלס הענדלער מיט קליידער.

אברהם שמאל איז געבוירען געווארען דעם 8. יולי 1868 אין לאדז. ער האט געוואוינט אין א זעהר עלעגאנטער וואוינונג 52 די לאמבלארדער. מען האט געמיינט, אז אויך ער האנדעלט מיט קליידער.

ווען די ביידע שותפים זענען געווען צוזאמען אין פאריז, האבען די איבערהויפט „געארבייט" אין די רייכע קווארטאלען, אויף בולווער האסמאן און לא מאדלען.

ווען די פליגען טרעפען א נאאיווען אויסלענ־דער, פלעגט זוסמאן דערציהלען, אז ער איז אנגא־מער רומישער אמיגראנט, וואס וויל פערקויפען עט־ליכע איבערגעבליבענע ווייבעלס. ווען ביידע האבען זיך געווינגען, און אנגעקומען שמאל און האט אפגע־קויפט די „מציאה". זוסמאן איז אוועק.

שמאל איז דאן געבליבען מיט'ן אויסלענדער. דאן איז זוסמאן צוריקגעקומען און האט איהם גע־פרעגט, צי ער וויל ביי איהם אויך נישט קויפען א בריליאנט.

שמאל איז פון א קויפער געווארען א בעקלער. ער האט גענומען איבערעדען דעם אויסלענדער, ער זאל נישט פערנאכלעסיגען אזא גוטע געלעגענהייט און טאקי קויפען דעם בריליאנט, ווייל ער אליין, האט ער געזאגט, האט ליידער נישט די נויטיגע סומע געלד דערצו.

פיל נאאיווע אויסלענדער פלעגען זיך לאזען איינ־רעדען און האבען געקויפט די „בריליאנטען".

עס איז איבעריג צו זאגען, אז די בריליאנטען זענען געווען אינפאכע שטיקלעך גלאז.

אזעלכע שווינדלער מיט אויסלענדער זענען בעקאנט אין וואשא. ביידע שווינדלער האבען אויך אין אנדערע שטעט און לענדער געפרובט בעגיי'ען די זעלבע „קונצען".

זיי האבען „געארבייט" אומעטום, אין פראנקרייך אין דייטשלאנד, בעלגיען, שווייץ, בראזיליען און טשעכאסלאוואקיען. אליין האבען זיי געמאכט אזעלכע שווינדלען אויף 6,600,000 פראנק.

די פאליציי האט געמאכט א רעוויזיע ביי גרשון זוסמאנען אין די רוע ליערמאטאוש, וואו מען האט געפונען פאלשע בריליאנטען, רעוועלס און אויך אמתע בריליאנטען.

די ביידע שותפים האבען זיך טוידה געווען אז מען האט זיי ביידען אפגעשיקט אין „דעפא".

אויך א ווייב קען מען נישט געטרויען

א באנקראטניק שרייבט איבער זיין הויז אויף זיין ווייבס נאמען, פערקויפט די דאס הויז און ענטלויפט מיט איהר ווארשאווער געליבטען

(2) פאר דריי יאהרען איז לייזער בארכאנסקי, אמאל א יוד אנגעזעהנער, ארויסגעפאהרען פון לאדז קיין פעטריקאוו, וועגען בארכאנסקין פלעגט מען אין לאדז דערציהלען, אז צו זיין פערמעגען איז ער געקומען דורך מאכינאציעס מיט פאבריאנזע און 1925 י. איז ער פערמשפט געווארען אויף 2 יאהר טורמע און איז אפגעזעסען דעם אורטייל, און ווען ער איז ארויס פון טורמע איז שוין זיין פירמע געווען צוגרונד און ער איז אוועקגעפאהרען קיין פעטריקאוו און האט זיך דארטען געעפענט א ווארשטאט. און לאדז האט ער זיך געווענדעט צו דער פירמע טעשלינסקי און קאמפ. (פאלודניאווא 120) און פער־לאנגט א קרעדיט פון 300 טויזענט זל.

די פירמע האט ארויסגעשיקט אויפ'ן ארט קיין פעטריקאוו איהר פראקורענט בערלינסקי, כדי ער זאל זיך דארט בעקענען מיט'ן צושטאנד פונ'ם קליענט און פעסטשטעלען צי מ'קען איהם קרעדי־טירען, בערלינסקי איז צוריקגעקומען און ערקלערט אז בארכאנסקי פערדינט דעם פערלאנגטען קרעדיט און מ'האט איהם דעם קרעדיט ערטיילט. בארכאנסקי האט בעקומען די סחורה און האט געגעבען מיט וועקסלען פעליג אין א האלב יאהר ארום.

דערווייל האט סאלאמאן בערלינסקי פערלאזט דעם פאסטען און ווען די וועקסלען זענען געווארען פעליג האבען אנגעהויבען אנקומען פראטעסטען. דאן האט די פירמע פעסטגעשטעלט, אז בערלינסקים קאנטראל איז געווען נישט קיין „גענויע", ווייל בארכאנסקי האט אין פעטריקאוו געהאט א קליין געשעפט און איז אינצווישען אנטלאפען קיין פאריז.

די פירמע טעשלינסקי האט וועגען דעם ענין געמאלדען דער אויספארשונגס-פאליציי, וועלכע האט בינת דער אויספארשונג פעסטגעשטעלט, אז באר־כאנסקי האט אין זגערוש אויך אנגענומען אויף 200 טויזענד זלאטעס סחורה און פאר דעם נישט בעצאהלט. בארכאנסקי האט מען נישט געפונען און וועגען דעם ענין האט מען שוין כמעט פערגעסען.

מיט עטליכע טעג צוריק איז צו דער פירמע טעשלינסקי געקומען בארכאנסק און האט ערקלערט, אז ער וויל אויסקויפען זיינע פראטעסטען. אזוי ווי האט זיך ארויסגעשטעלט פאלגענדע פיקאנטע גע־שיכטע מיט א טראגישען בייגעשמאק.

בעת בארכאנסקי האט אנגענומען סחורה אויף א האלבען מיליאן זל. האט ער די סחורה פערקויפט און פאר'ן געלד געקויפט און לאדז א הויז אויף פראנציסקאנער 26. דאס הויז האט ער פערשריבען אויף דער פרויס נאמען און אליין איז ער אנטלאפען קיין פאריז. זיין פרוי רעגינא האט דא דערווייל געלעבט א גוטען טאג, און „גאהענט" בעקאנט געווארען מיט א געוויסען ווארשאווער ר. ס. בארכאנסקי איז אין פאריז געקומען צו א פערמעגען און געקומען אהער קיין פוילען צו בעצאהלען זיינע חובות, ער האט זיך אבער דא דערוואוסט אז זיין פרוי רעגינא האט פערקויפט דאס הויז און איז אנטלאפען מיט איהר נאהענ־טען בעקאנטען קיין דאנציג.

בארכאנסקי האט וועגען דעם געמאלדען אין אויספארשונגס־אמט און איז ארויסגעפאהרען זוכען זיין פרוי מיט'ן פערמעגען אין דאנציג.

צוויי נישט געלונגענע גנבות אויפ'ן זעלבען הויף

(2) עהערנעכטען גאנץ פריה האט עפעס א פרוי אויף פעטריקאווער 101 אנגעהויבען רופען הילף, די אנגעלאפענע שכנים האבען דערזעהען אז די טיר איז געוועלב פון אלגא מאנע איז טיילווייז אויסגעשניטען דער לייטער פון 7. פאליציי קאמיסא־ריאט, וועלכער האט זיך צופעליג געפונען אין שכנות־דיגען הויז האט אנגעהויבען די אויספארשונג און פעסטגעשטעלט פאלגענדעס: די פרוי קומענדיג אין איהר געוועלב האט דערזעהען אז די טיר איז אפען און געדרעכענט אז די גנבים געפינען זיך נאך אינעווייניג, ס'האט זיך אבער ארויסגעוויזען אז קיינער פון די גנבים איז שוין נישט געווען. זיי האבען אבער גארנישט בעוויזען צוצונעמען.

אין דער צייט ווען דא איז געפיהרט געווארען די אויספארשונג האט זיך דערהערט א געשריי „גנבים" ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז ווען מ'האט דא געשטערט די גנבים, זענען זיי אוועק און געפרובט צו בעראבען דאס שאקאלאדען־געשעפט „אפלאגא" אויפ'ן זעלבען הויף אין צווייטען איינגאנג. זיי האבען אויפגעבראכען די טיר און זענען שוין געווען אינעווייניג, אבער אויך דא האט מען זיי געשטערט. די פאליציי האט אדורכגעפיהרט א רייה רעוויזיעס און ארעסטירט עטליכע פערדעכטיגע פערזאן.

שטיצע פאר ארבייטסלאזע

(מ) מאנטאג דעם 21 ה. ח. האט זיך אנגע־הויבען די אויסצאהלונגען פון די דרינגענדע מלוכה-אונטערשטיצונגען פאר יוני פאר די ארבייטסלאזע, וואס האבען זיך פערעגיסטרירט אין אינטערשטי־צונגס-אמט פון 7 ביז'ן 16 יולי.

ארבייטסלאזע פריילעדיגע און תחונה געהא־טע אהן קינדער בעקומען נישט קיין אונטערשטי־צונגען. די אויסצאהלונגען וועט פארקומען אין לאקאל פון אונטערשטיצונגס-אמט אויף גדאנסקא 181 פון 9 ביז 2 לויט פאלגענדען פלאן:

היינט, דאנערשטאג, M N O

מארגען, פרייטאג P R S

שבת, T U W S Z

*

מאנטאג און דינסטאג האבען פיל ארבייטס־לאזע נישט אפגענומען זייער שטיצע אינ'ם אנגע־וויזענעם טערמין.

מיר האבען דעריבער אינטערוועווירט ביים נאטשאלניק גראווינסקי (וועלכער פערטרעט איצט דעם לאווניק וואס געפינט זיך אין אורלויב) און בעקומען די פערזיכערונג, אז די ארבייטסלאזע, וועלכע האבען פערשפעטיגט אפצונעמען זייער אונטערשטיצונג וועלען בעקומען אויסגעצאהלט היינט און מארגען אין די ביורא שעהן.

פון „לאקאטאר"

(ב) אין לאקאל פון די קלאסען - פעראיינען איז פארגעקומען אן'אויסערגעוועהנליכע פערזאמ־לונג פון דער געזעלשאפט לאקאטאר. ה' האנעמאן האט רעפערירט די פראגע וועגען איבערגעבען דאס פערמעגען פון דער געזעלשאפט דעם וואוי־נונגס-קאאפעראטיוו מיט'ן זעלבען נאמען. נאכדעם, ווי די פערזאמלטע האבען אויסגעדריקט זייער הסכמה האט דער אנוועזענדער רעיענט צוזאמענ־געשטעלט אן'ענטשפרעכענדען אקט. נאכדעם איז די פערוואלטונג בעפולמעכטיגט געווארען צו מא־כען הלוואות און שליסען פערשידענע אקטען פאר דעם וואוינונגס-קאאפעראטיוו „לאקאטאר". די פול־מאכט דערצו האבען בעקומען די ה"ה ענדריק, פאוולאווסקי, האנעמאן, מארטינאווסקי, גאלינסקי און מעלאווסקי.

אונטערשטיצט

די היינטיגע אפציכנונג

לטובת דער גמילת-חסדים-קאסע

— ביי —

נושאי המטה.

געהיימניספולער זעלבסט-מערדער

(2) מיט א פאר טאג צוריק האבען מיר גע־בראכט די ידיעה, אז אין פאניאטאווסקי פארק האט מען געפונען א טויטען יונגענמאן. מ'האט איהם אפ־געפיהרט אין פראזעקטאריום און נאכ'ן פינגער האט מען פעסטגעשטעלט אז ער האט זיך טאקע פערסמט מיט סטריכנין. אזוי ווי ס'איז נישט בעוואוסט ווער דער זעלבסטמערדער איז, קומען כסדר מענשען אנצוקוקען דעם טויטען, איינער פון די בעזוכער האט ערקלערט, אז דאס איז סטעפאן אנטאלקעוויטש פון ראדא־פאבאניץ, וועלכער איז פערשוואונדען זייט א פאר טאג. מ'האט ארויסגערופען אנטאלקעוו טשעס מוטער, וועלכע האט אבער פעסטגעשטעלט, אז דער טויטער איז נישט איהר זוהן.

ווער איז דער יונגער בלייבט ווייטער אומבעקאנט דער געהיימניספולער זעלבסטמערדער.

גנבות

(ז) ביי חנה ספיריטוס (ראקיטשינער 10) האבען גנבים ארויסגעגנבעט וועש אויף 1000 זל. די פאליציי האט די גנבים דערווייל נישט געכאפט.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) עפשטיין (פיעטריקאווער 225), בארטא־קעוויטש (פיעטריקאווער 95), ראזענבלום (ציגעל־גאס 12), גארפיין (ווסכאדניא 54), קאפראווסקי (גאגאטשיזנא 15).

אופאדלאשטשע און באנקראטען
נעגען פערזענליכע סאנקציעס לגבי געפאלענע בעלי חובות

אויפ׳ן גרונד פון די בזהעריגע ארטיקלען זענען מיר שוין געקומען צום אויספיהר, או מיט׳ן אויסנאגען אג׳אורטייל וועגען ערקלערען א געווימען בעל־חוב אג׳אופאדלאשע מוז גלייכצייטיג פעסטגעשטעלט ווערען א מעדמיק, ווען דער דאזיגער אופאדלאשע האט זיך עפנען, פערארדענט ווערען צו לעגען א סעקוועסטער אויפ׳ן גאנצען פערמעגען פון געפאלענעם בעל־חוב, בעשטימט ווערען א קוראטעלע (קאמיסאר און קוראטאר) איבער׳ן זעלבען סעקוועסטרירטען פערמעגען און סדאך אויך דעצידירט ווערען, וואס פאר א סאנקציע ס׳זאל אנגענומען ווערען לגבי דעם פערזאן פון געפאלענעם בעל־חוב.

וואס שייך אנווענדען א פערזענליכע רעפרעסיע לגבי דעם געפאלענעם בעל־חוב, קאן אין דעם פאל קומען אין בעטראכט נור א פאליציייאישע השגחה און ארעסט.

מערמען מיר אן, או נעגען געפאלענעם בעל־חוב וועט אנגעווענדען די סאנקציע פון אומבעדינג־טען ארעסט, איז דאמאלט דער בעשטימטער קאמיסאר איבער׳ן אופאדלאשע בערעכטיגט זיך צו ווענדען צום בעזיפענעם האנדעלס־טריבונאל מיט א פארשלאג, או מ׳זאל איהם פון ארעסט בעפרייען, ערטיילענדיג איהם אג׳אזוי גערופענעם ציטווייליגען גלייט־בריף אדער אויפ׳ן סמך פון א בעשטימטער פאר איהם אריינגעצאלטער געלד־קויציע.

אין פאל, ווען דער בעטרעפענדער קאמיסאר גע־פינט נישט פאר נויטיג ארויסצוטרעטען פאר׳ן פארום פון האנדעלס־טריבונאל מיט אזא פארשלאג, קאן עס טאן דער געפאלענער בעל־חוב גופא.

קיים האט דער פראקוראטאר פון ארטיגען קרייז־געריכט לויט׳ן צוגעשטעלטען איהם דורכ׳ן קוראטאר בעריכט וועגען כאראקטער און צושטאנד פון אופאדלאשע, פעסטגעשטעלט סמנים פון ביזוויליגקייט און וועגען דיין פעסטשטעלונג מיטגעטיילט דעם בע־טרעפענדען האנדעלס־געריכט, קאן דעם געפאלענעם בעל־חוב קיין גלייט־בריף נישט ארויסגעגעבען ווערען, אלענפאלס טאר זיך שוין נישט דער קאמיסאר וועגען דעם פאר׳ן געפאלענעם בעל־חוב בעמיהען.

בכלל דארף מען געדענקען, או אייב דאס האנ־דעלס־געריכט בעשליסט א געפאלענעם בעל־חוב א־רויסצוגעבען א גלייט־בריף, איז עס נור צוליב דעם, כדי מ׳זאל מיטהעלפען דעם קוראטאר צו שליסען און פערענדיגען די געשעפטס־ביכער, צוזאמענצושטעלען א געהעריגען בי־לאנס און צו ערטיילען אלע איבעריגע נויטיגע פרטים וועגען בעשטאנד פון דער געפאלענער מאסע.

וויבאלד אזוי, איז אזא בעפרייט־געווארענער בעל־חוב מחויב זיך צושטעלען אויף יעדען רוף פון קו־ראטאר, אין געגענפאל, ווערט ער געהאלטען דורך אני־אמטליכער אויפפאדערונג.

אייב בעגרינדעטע מאטיווען ערלויבען נישט דעם ארויסגערופענעם בעל־חוב פערזענליך זיך צושטעלען, קאן איהם פערטרעטען זיינס א בעפולמעכטיגטער.

קיים שטעלט זיך אבער דער געפאלענער בעל־חוב אויך נישט צו אין משך פון 48 שעה, נאכ׳ן דערהאלטען די דערמאנטע אפיציעלע אויפפאדערונג און ער שיקט אויך נישט קיין אנדערען בעפולמעכ־טיגטען פערזאן, ווערט דיין נישט צושטעלען זיך א־נערקענט פאר א פשוטע ביזוויליגקייט.

די דאזיגע נאכלעסיגקייט קאן פעראורזאכען דאס צוריקציהען דעם ארויסגעגעבענעם גלייט־בריף.

דאגעגען די געפאלענע בעלי־חובות, וועלכע זע־נען געשטעלט געוואר׳ען אונטער פאליציייאישער השגחה אדער ארויסגעלאזט געווארען פון ארעסט אויף גרונד פון איינגעצאהלטע געלד־קויציע, האבען נישט קיין פליכט דווקא פערזענליך זיך צושטעלען, נאר זיי קאנען אלעמאל און אוועלכע פאלען צושיקען בעפולמעכטיגטע פערזאנען.

ווי ס׳זאל אבער נישט זיין, מוז מען זיך אויך דער אויפפאדערונג פון דער קוראטעלע אלעמאל אויף־פאדלאשע יעדעם מאל אומבעדינגט שטעלען, ווייל אויך בנוגע דער דאזיגער קאטעגאריע בעלי־חובות קאן דאס נישט צושטעלען זיך בעטראכט ווערען פאר א ביזוויליגקייט.

דער דאזיגער אומשטאנד איז מסוגל צו פער־אורזאכען דאס אנווענדען לגבי די בעטרעפענדע גע־פאלענע בעלי־חובות די שארפסטע פערזענליכע סאנק־ציעס ביז אומבעדינגטען ארעסט איינשליסליך.

י. אינפעלד

נקמה צוליב א בעליידיגונג

(קא) נעכטען פארנאכט, ווען דער ארבייטער, הדיי־לעד פון כאינע איז אהיימגעגאנגען פון דער ארבייט, ווען ער איז געווען אויף זשגאדסקא 108) זענען איהם בעפאלען עטליכע קרימטליכע יונגעליים, מיט מעסערס, וואו די האבען איהם גוט צושטאכען, אויך זיינע וואלאדעמע. זענען די אנפאלערס אנטלאפען, און עס איז אנגעקומען פאליציי, די אריינגערופענע פאגא־טאוויע האט פערבאנדזשירט דעם פערוואונדעטען, און אפגעפיהרט אין שפיטאל די סיבה פון אנפאל זאל זיין געוועזען פאלגענדע: דער פערוואונדעטער הדיילעד, זאל האבען בעליידיגט, זיין קאלעגעס א פריי אויף א פערפיילונג, און דער לעצטער אלס נקמה, אנגעשטעלט צו׳ם איהם מעסער־שטעכערס.

יודען, ערפילט אייער חוב
לגבי דער גמילת־חסדים־קאסע
ביי „נושאי המטה“
קויפט די
הײנטיגע אפצײכנונג

אנשטאט ברענגען א בהמה אנטלאפען נאך אויסלאנד

(קא) פאריגע וואך, האט דער פלייש־הורטאוהניק, פון לייזער זארושעווסקי (קאנסטאנטינער 22) געשיקט זיין מענש לייב אבראלעוויטש, פון כאינע (העגריקא הדיי) איינקויפען ביי דינעם א סוחר, א בהמה, און האט איהם מיטגעגעבען זיבען הונדערט זל. אנשטאט אבער צו ברענגען די בהמה, איז ל. אבער אנטלאפען נאך אויסלאנד.

זעלבסטמארד פון א שותף צום באלוטער שחט־הויז

(קא) נעכטען 8 א זייגער אין אווענד איז בעגאנגען זעלבסטמארד, שיסענדיג זיך א קויל אין הארצען, דער מיטאייגנטיהמער פון באלוטער שחט־הויז עדוואַרד קאמשינסקי א איינגעמיטער פון א ווילע אין לאג־גובעק.

קאמשינסקי איז געווען איינער פון די גרעסטע שותפים צום באלוטער שחט־הויז און איז געווען זעהר פערמעגליך.

די סיבה פון זעלבסטמארד איז נישט פעסטגע־שטעלט געווארען.

צושטאכען מיט מעסערס

(קא) נעכטען אין אווענד איז אויף גראבאווא 4 צושטאכען געווארען מיט מעסערס דורך אומבעקאנטע דער דריי־און־צוואנציג־יעהריגער טשעסלאוו גאלאנקא נאווא־זגיערסקא 6).

דעם פערוואונדעטען האט מען געבראכט אין הויפט פאליצי־קאמיסאריאט וואוהין מען האט ארויס גערופען פאגאטאוויע.

די פאגאטאוויע האט דעם שווער־פערוואונדעטען איין ערשטע הילף בערוקט און פלייצע ערטיילט די ערשטע הילף און אפגעפיהרט אין שפיטאל אויף דרעווגאווסקא.

פון ארבייטס־געריכט

(פ) אין דער אקצ.־געזעלשאפט „לעאנארד, וועל־קער און געראַרד“ זענען דעם 1. מערץ געקינדיגט געווארען 9 אנגעשטעלטע. די פירמע האט די אנגע־שטעלטע ערטיילט זייער אורלויב אין דער צייט פון דער קינדיגונג, די אנגעשטעלטע זענען דערויף נישט מסכים געווען און געפאדערט פאר׳ן אורלויב בעזונ־דער און ווען די פירמע איז דערויף נישט איינגע־גאנגען, האבען זיי איהר אנגעקלאגט אין ארבייטס־געריכט.

דאס געריכט האט אלע אנגעשטעלטע צוגע־פסקנט צו בעצאהלען פאר דער אורלויב־צייט.

* * *

אריים זייפערט האט געארבייט אין דער זאקען־פאבריק פון סאפיר. ווען טדאט איהר געקינדיגט, האט מען איהר געהייסען קומען אין א פאר וואכען ארום, ווען זי אפשר וועדער בעקומען ארבייט. פאר אורלויב האט מען איהר נישט בעצאהלט. זייפערט האט אנגעקלאגט די פירמא אין געריכט. דאס געריכט האט איהר צוגעפסקנט פאר דער אורלויב־צייט.

* * *

זאפיא קאכאנאווסקא האט מיטגעטיילט דעם פארטיער פון עטינגאנס פאבריק, או ביי איהר איז קראנק געווארען דער פאטער און זי קען דעריבער נישט קומען צו דער ארבייט. דערווייל איז דער פא־טער געשטארבען. ווען זי איז אין עטליכע טעג ארום געקומען אין פאבריק, האט מען איהר נישט צוגע־לאזט צו דער ארבייט.

קאכאנאווסקא האט אנגעקלאגט די פירמע אין געריכט און געפאדערט פאר קינדיגונג און אורלויב. דאס געריכט האט איהר צוגעפסקנט די גאנצע סומע.

א פגישה פון „צעירי מזרחי“

דינסטאג איז פארגעקומען א פגישת חברים פון „צעירי מזרחי“ פון לאדזשער ראיאן אין אלעק־סאנדער. עס האבען אנטייל גענומען די שטעט: לאדז, זדונסקא־וואלא, פאביאניץ, זגיערזש, ראדאם און אנדערע. מיט דער בעטייליגונג פון דעלעגא־טען פון הנהלה הראשית כחבר פישל טכורזש אויס ווארשע.

די פגישה האט געעפענט ה׳ גאלדוואסער, בעגריסט האט אין נאמען פון די יודישע ראטמע־נער און אויך אין נאמען פון דער קהלה ה׳ האנ־דעלסמאן און די פערטרעטער פון יעדען סניף האָ־בען בעגריסט אין נאמען פון זייערע ארגאניזאציעס. עס איז געמאכט געווארען א הזכרה נאך די נפטר־געווארענע רבנים: הרב פוקס ז״ל און הרב רע־מינאלסקי ז״ל פון סעמיאטיטש. ה׳ פוליק דערמאנט אין א פאר ווארעמע ווערטער דעם פערשטארבע־נעם מיטגליד לייב קאמינער.

12 א זייגער זענען אלע פערזאמעלטע אוועק אין נאהנטען וואלד, וואו עס זענען געמאכט גע־ווארען טורן־איבונגען. ה׳ טכורזש האט געהאלטען א רעפעראט אויף דער טעמא: „די יעצטיגע לאגע אין ציוניזם בכלל און „מזרחי“ בפרט“. נאכדעם איז געפראוועט געווארען א בנקעט אין וואלד. דאס שלוס־ווארט האט געהאלטען ה׳ דב מארעק. די פגישה האט זיך געענדיגט מיט געזאנג און טאנץ.

8 חדשים טורמע
פאר פערשווענדען געלד פון דער קראנקען־קאסע

(פ) אין קרייז־געריכט איז נעכטען פארגעקומען דער פראצעס געגען סטאניסלאוו גאיעווסקי פאר פער־שווענדען געלד, בעת ער איז געווען לייטער פון דער קראנקען־קאסע אין גלאווגע.

אין סעפטעמבער 1929 האט דער קאמיסאר פון דער קראנקען־קאסע אין טאמאשאוו ארגאניזירט אן אנאנגעמעלדעטע קאנטראל אין גלאווגער קראנקען־קאסע און האט פעסטגעשטעלט, או אנשטאט די 11 טויזענד זל., וואס האבען געזאלט זיין אין קאסע, זענען פאראן בלויז 5. אבער אויפ׳ן אנבריגען געלד האט גאיעווסקי פאר־געשטעלט קוויטונגען און אויסגעגליכען די סאלדא.

נאך דער לוסטראציע האט דער קאמיסאר פעסט־געשטעלט, או גאיעווסקי האט האט פאר דער איני־ספעקציע אנגענומען ביי א גאנצע רייה פערזאנען און האט דאס געלד נישט פערשריבען אלס הכנסה. אזוי ווי גאיעווסקי האט נישט בעפרידיגט מיט זיין ארבייט, איז ער געקינדיגט געווארען אויף דריי חדשים, אבער ער איז נאך פריהער בעזייטיגט געווארען פון זיין אמט און אויף זיין ארט איז בעשטימט געווארען א נייער לייטער מאריאן קאטארסקי.

ווען ער איז דעם 11. נאוועמבער געקומען איבער־צוגעבען די קאסע, האט ער פעסטגעשטעלט, או עס פעהלען 3310 זל. גאיעווסקי האט ערקלערט, אז ער וועט דאס געלד צושטעלען אין א פאר טאג ארום. ווייטער איז פעסטגעשטעלט געווארען, או גאי־עווסקי האט ביי א רייה פירמען איינגעקאסירט 1141 זל. און די נישט געבוכט. דער נייער לייטער האט זיך געווענדעט צו פאליציי, או זי זאל גאיעווסקי אר־רעסטירען, אבער די פאליציי האט איהם שוין מער דערהיים נישט געפונען. עטליכע טעג שפעטער האט זיך גאיעווסקי געמאלדען אין קראנקען־קאסע, אבער דאס געלד נישט איינגעצאהלט.

די קראנקען־קאסע האט פערפיהרט געגען איהם א פראצעס. גאיעווסקי האט אין זיין פערטיידיגונג ערקלערט, או די קאסע־מאנקאס זענען ענטשטאנען צוליב דעם, וואס ער איז פערוואלגערט געווען מיט ארבייט און האט נישט געהאט קיין גוטע געהילפען.

דאס געריכט האט גאיעווסקי פערמשפט אויף 8 חדשים טורמע.

Dziś w RADJO
Godz. 22.00
Prawdziwa Francuzka.

צוזאמענשטויס פון א טראמוויי מיט א וואגען

(2) דער פורמאן אנטאני ראדינא האט גע־פיהרט ציגועל. אויפ׳ן שאסיי רודא פאביאניץ האבען זיך די פערד איבערגעשראקען און אוועקגעטראגען דעם וואגען אנטקעגען דעם טראמוואי, דער מאטאר פיהרער האט נישט בעוויזען איינצוהאלטען דעם וואגאן און ער איז מיט דער גאנצער קראפט ארויף אויפ׳ן וואגען. דער וואגען איז צושמעטערט געווא־רען און אויך דער טראמוואי־וואגאן איז געווארען בעשעדיגט. דער פורמאן איז בעצייטענס אראפ־געשפרונגען פון וואגען און אזוי האט אוועק ארום אויסגע־מיטען דעם טויט.

פערוואונדעט בעת דער ארבייט

אויף רוג וואנאינקאווא און נארוטאוויטש־גאס ווערען איצט אויסגעפיהרט קאנאליזאציע און ברוק־ארבייטען. נעכטען בעת די ארבייטען איז איינער פון די ארבייטער ראמאקאלא (כלארנא 6), אראפגע־שפרונגען פון א וואגען און איז אראפגעשפרונגען אויף אן אייזערנעם ברוכשטאנג, וואס איז געשטאנען און זיך שווער פערוואונדעט. פאגאטאוויע האט איהם ערטיילט הילף.

פון די חברה נושאי המטה און גמילת חסדים

היינט, דאנערשטאג דעם 24־טען ד. ח. קומט פאר א אפצייכנונגס־טאג פאר דער גמילת חסדים־קאסע ביים פעראיין. עס איז צו האפען, או די לאדזשער בע־פעלקערונג וועט שטיצען דעם פעראיין, וועלכער ליים־טעט, ווי אלעמען איז בעקאנט די לאדזשער בעפעל־קערונג אהן אונטערשיד ארום און רייך.

נייער מאגיסטראט אין לאסק

(ה) נעכטען זענען פארגעקומען די וואהלען פון א מאגיסטראט אין לאסק, אלס בורמיסטער איז אויסגעוועהלט געווארען וואצלאוו בושווינסקי (סאנאציע) וויצע־בורמיסטער היפאטעק־שרייבער יאן ביעוויאראמסקי (סאנאציע) און אלס לאווניקעס ס. פראנויץ (נ. ה.) אפרים מארקאוויטש (ציוניסט) און שימשאק (פ. פ. ס.).

דער נייער מאגיסטראט האט איבערגענומען שוין זיין ארבייט.

נייע שטאט־ראט־וואהלען אין טושין

(ב) ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט האט דאס געריכט ארויסגעטראגען א בעפרייאונגס אורטייל דעם רעדאקטאר פון לאדזשאנין וועלכער איז געווען בעשולדיגט אין בעליידיגען אין זיין צייטונג דעם טושינער בורמיסטער דאמאוויטש, וועלכען די צייטונג האט פארגעווארפען או ער בענוצט מיסברויכען אויף זיין אמט.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האט זיך אין טושין ווידער אנגעהויבען א בעוועגונג פאר דעם, או מ׳זאל פונאנדערלאזען דעם שטאט־ראט און ס׳זאלען פאר־קומען נייע וואהלען. ווי מ׳טיילט אונז מיט וועט די לאדזשער סטאראסטווע די וועגדונג נאכקומען און וועט בעשטימען נייע וואהלען אויף סעפטעמבער נאך די פייערונגען פון 500 יאהריגען יובילעאום פון דער שטאט טושין.

Dr. Donchin
ספעציאליסט פאר אויגען־קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
מאניושקי 1, טעל. 209-97
נעמט אן פון 9–1מיטאג און פון 4–7 אווענד.

ארעסטירט שמוגלער
געשמוגעלט טאבאק און סאכארין

(א) נעכטען האבען בעאמטע פון שטייער־אמט בעמערקט אויף א וואגען צווישען פראשקי און גיע־לדן צוויי פערדעכטיגע פערזאן אנגעטאן ווי פויערים. ווען די פויערים האבען דערזעהען די שטייער־בעאמטע, האבען זיי זיך געלאזט לויפען און איבערגעלאזט דעם וואגען. די בעאמטע האבען זיי נאכגעיאגט אויף ראַ־ווערען און האבען איינעם פערהאלטען. דאס איז גע־ווען א געוויסער יוזעף יעזשעווסקי פון דארף האַ־קאוו, הינטער קאליש. אויפ׳ן וואגען האבען די בע־אמטע געפונען א געשמוגעלטען טראנספארט טאבאק אין דער ווערט פון עטליכע צענדליג טויזענט זל.

ווייטער האבען די בעאמטע געפונען 2 זאקעס מילך. ווען זיי האבען זיך נעהנטער צוגעטוקט האבען זיי בעמערקט, או אין די זאקעס זענען דאפעלטע באדענס און זיי האבען מאקי דארט געפונען א האלבען קילא סאכארין. דער ארעסטירטער יעזשעווסקי האט ערקלערט, או דיין שותף איז סטאניסלאוו אלמשאק פון ווילון. די פאליציי האט איהם אויסגעזוכט און ארעסטירט. די געשמוגעלטע סחורה איז קאנפיסקירט.

סטיקעס אויסשטעלונג אין דער שטעטישער גאלעריע

די אויסשטעלונג פון די סטיקעס אין דער שטעטישער קונסט־גאלעריע רופט נאך אלץ ארויס א גרויס אינטערעס און אין דער קונסט־גאלעריע קומען פיל בעזוכער, לעצטענס זענען דארט פער־קויפט געווארען עטליכע בילדער.

רעווי־טעאטער „דאברי וויעטשור“

די שטורמישע אפלאדיסמענטען נאך יעדען נומער בעווייזען דעם שטארקען בייפאל, וואס עס האט דאס ווארשאווער רעווי־טעאטער „דאברי־וויעטשור“ (אין דער געבייד פון קינא־טעאטער „בייקא“) דער נייער פראגראם א. ג. „און דאס קענט איהר? בעזיצט א גאנצע רייהע גאר געלונגענע אינסצענאציעס, לי־דער, סקעטשען א. א. די נייע פרעמיערע וועט זיך נאך לאנג האלטען אויפ׳ן אפיש.

ראדיא־פראגראם
דאנערשטאג, דעם 24 יולי

11.58 צייט־סיגנאל פון ווארשא און הייגאל פון מאריאצקען טורעם אין קראקע, 12.05 מוזיק פון גראמאפאן־פליטען, 13.15 טאג־פראגראם, קינא און טעאטער־רעפערטואר, 15.50 פארלעזונג, 16.15 מוזיק פון גראמאפאן־פליטען, 17.10 קאמוניקאטען פון ל.א.פ.פ., 17.35 פארלעזונג, 18.00 סאליסטען־קאנצערט, 19.00 פערשידענעס׳ 19.20 גראמאפאן־פליטען, 19.45 קאמוניקאט פון דער לאדזשער האנ־דעלס־קאמער, פראגראם אויף מארגען, צייט־סיגנאל, 20.00 ראדיא־זשורנאל, 20.15 פאפולערער קאנ־צערט פון „שווייצער טאל“ אין ווארשא, 21.30 פארלעזונג, 22.00 פעליעטאן, 22.15 קאמוניקא־טען (מעטעראלאגישער, פאליציי־, ספארט־) און טאנץ־מוזיק.

די בילעסטע מאדערנע
שייטלען
ווי אויך פערשידענע פאלעטשקעס,
אזוי ווי איינגענע האר, גוטע אויסארבי־טונג צו זעהר ביליגע פרייזען,
קאנט איהר נאר בעקומען ביי
פערשוויצקא, קאמיענא 5
ליינקע אפיצינע, 2־טער שטאק.

דער פראגער יריד

(פון אונזער קארעספאנדענט)

אין דער צייט פונ'ם 7. ביז'ן 14. סעפטעמבער
עס ה"נטיגעם יאהר געעפענט ווערן אין פראג דער
ג'סער יריד, וואס ווערט דארט אפגעהאלטען צוויי
מאל אין יאהר.

פון אלע מעסען, וואס זענען נאכ'ן קריג אויס־
געוואקסען כמעט אין יעדער גרעסערער שטאט פון
איראפע, איז בלי שום ספק פראג דער איינציגער
בלאץ, וועלכער האט א בערעכטיגונג צו גרינדען אז
אייגענע מעסע. טשעכאסלאוואקיי איז היינט שוין
אויף דער גאנצער וועלט בעקאנט מיט איהר געוואלדיגער
אינדוסטריע. בלשט פארהאנען קיין שום בראנזשע אין דער
וועלט, וואס זאל נישט האבען אין דער טשעכא־
סלאוואקיי איהרע גרויסע פאבריקען מיט ספעציאל־
פארצייגענישען, אנגעהויבען פונ'ם ביליגסטען ביז צום
טייערסטען פאבריקאט. אוודאי איז עס וויכטיג, אז
די גרויסע אינדוסטריע זאל אין דער הויפט־
שטאט פון דער טשעכאסלאוואקיי גייען פאר סוחרים
פון דער גאנצער וועלט, וואס זי איז בכח א־
ויסצובריינגען.

דער מעסע־פאלאץ, וואס איז צו דעם צוועק
אויפגעשטעלט געווארען אין פראג, איז אפען א גאנצ
יאהר און דינט דערצו, אז יעדען טאג, ווען עס'ן
קומט פונ'ם אויסלאנד אדער אויך פונ'ם אינלאנד קיין
פראג, זאל ער דא אויף א ײז א רט קענען אנקוקען
אלע וויכטיגסטע אינדוסטריען, וואס די טשעכאסלא־
וואקיי פארמאגט נור. ער קען דארט בעקומען גענויע
אינפארמאציעס בנוגע פרייזען, קוואליטעטען, ענדע־
רונגען פון די מוסטער וכדומה וכדומה, מחמת דאס
ביורא פונ'ם פראגער מעסע־פאלאץ בעקימט יעדעס
מאל די גענייעסטע אינפארמאציעס פון יעדער פירמא.

צוויי מאל אין יאהר שטעלט דארט אין מעסע־
פאלאץ אין אין די ביוער ארום, אויך דאס אויסלאנד
אויס זייערע אינדוסטריע, ווי למשל, דייטשלאנד, עסט־
רייך, פראנקרייך, ענגלאנד, יאפאן, האלאנד, אמעריקע
וכדומה, וועלכע פיהרען דארט א קאמף מיט די
טשעכאסלאוואקישער אינדוסטריע. אזוי ארום קען מען
דארט זעהען די גרעסטע אינדוסטריען פון דער גאנצער
וועלט, קאנקורירענדיג איינע מיט דער אנדערער. דער
סוחר, וואס קומט אהין קויפען, האט דא די בעסטע
געלעגענהייט צו זעהען און אויסצוקלויבען פאר זיך
דאס בעסטע און נוצליכסטע, וואס איז נייטיג פאר
דיין געשעפט.

אויך דער מעסע, וואס הויבט זיך אן דעם זיבעטען
סעפטעמבער, וועלען רוב די דערמאהנטע לענדער,
צום ערשטען מאל אויסשטעלען א גאנצע ריי נייע
לענדער, דערונטער אויך בולגאריען און זיד־אפריקא
און דעריבער רעכענט מען אויף זיכער, אז די מעסע
וועט זיין בעסער און שטארקער בעזוכט, ווי די צוואנציג
מעסען, וואס זענען ביז אהער אפגעהאלטען געווארען
אין פראג.

פ. לאנגשטיין

קאמארנער יודישער בחור שטעכט זיין געליבטע, ווייל זי ווארפט איהם אוועק

א ברודער פון מיידעל איז זיך נוקם אן מעסער־שטעכער און צעממית'ט איהם אויף האלב טויט

די קליינע שטעטלעך ווערען שוין אויך „מאָ־
דערן". ווען א יונג פארפאלק האט א ליבע־פער־
האלטניש און עס מאכט זיך, אז איינער דעם אנ־
דערען ווארפט אוועק מאכט מען עס אויף דעם
גרויסשטעטישען אופן" מען שיסט, מען שטעכט
מאר, ווערענפאלס, די קליינע שטעטלעך „מאדערני־
זירען זיך".

אזא מין מעשה האט זיך געטראפען אין קאָ־
מארנא, א בחור האט געהאט מיט א מיידעל א ליי־
בעס־פערהעלטניש, דאס מיידעל האט זיך דערווייל
אפגעזאגט אנ'אנדערען און געזאגען דער בחור
און האט דאס מיידעל דריי מאל דורכגעשטאכען מיט
א מעסער.

דער בחור הייסט נ. פוצער, און זיין געוועז־
ענע כלה הייסט י. ברענער, דאס דאזיגע פאר־
פאלק האט זיך שוין ליב געהאט זייט א לענגערער
צייט און עס האט שוין באלד בעדארפט זיין זייער חתונה.

פרל. ברענער האט אבער מיט א קורצער צייט
צוריק זיך בעקענט מיט אנ'אנדערען בחור פון
דארף דאזורגע, יענער איז איהר בעסער געפעלען
געפעלען געווארען און דערפאר האט זי אנגעהויבען
צו פוצער'ן קהל צו ווערען.

פוצער האט מעהרערע מאל געבעטען זיין געליבטע,
אז זי זאל אוועקווארפען יענעם האָרפס־בחור
אבער פרל. י. האט נישט געוואלט.

פערגאנגענעם פרייטאג צו נאכטס איז פוצער
געקומען צו געהען אונטער'ן פענסטער פון זיין געליבטע,
ער האט זי ארויסגערופען און ער דארף
איהר מכלומרשט עפעס זאגען.

ווען פרל. ברענער איז נאר ארויסגעקומען אין
דרויסען ארויס, האט פוצער נישט זאגענדיג קיין
וואָרט זיין געליבטער דערלאנגט 3 מעסער־שטעך.

פרל. ברענער איז אנידערגעפאלען אין א קאָ־
לטשע בלוט, מען האט זי אריינגענומען אין שטוב
אריין, גערופען א דאקטאר, וועלכער האט די פער־
וואונדעטע פערבאנדאזשירט און מען האט דערווייל
געמאכט א שוויג.

אויף דעם האט זיך עס אבער נישט געענ־
דיגט. יאסעלע ברענער, א ברודער פון דער פער־
וואונדעטער האט בעשלאסען תיכף דעם צווייטען טאג
און פוצער'ן נקמה צו נעהמען.

שבת אינדערפריה, איז ווידער געקומען צו
געהען יאסעלע צו פוצערן און איהם ערקלערט, אז
ער וויל איהם מכלומרשט איבערבעטען צוריק מיט
זיין שוועסטער.

די דאזיגע צוויי „צוקונפטיגע שוואגערס" זענען
דערווייל אביסעל אוועקגעגאנגען שפאצירען אונ־
טער דער שטאט, דארט האט יאסעלע אנגעהויבען
פוצער'ן אזוי מכבד צו זיין, מיט א שטעקען, אז ער
איז אנידערגעפאלען א בעוואוסטלאזער און א פער־
חלשטער אויף דער ערד.

יודידישע עצות

אין דער דאָזיגער אָפטיילונג גיט די רעדאַקציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט" ענטפערען אויף יורידישע פראגען, וואס ווערען צוגעשיקט שריפטליך פון אונזערע לעזער

קופאָן

יורידישע אָפטיילונג

פון „נייעם פאָלקסבלאַט".

בײַם דערלאַנגען אַן אָנפראַגע אויף אַ יורידישע עצה דאַרף צוגעלעגט ווערען דער קופאָן מיט דער ראַטע פונ'ם טאָג, ווען די אָנפראַגע ווערט אַרײַנגעגעבען אויף אָנפראַגען אָהן קופאָן, וועט קיין ענטפער נישט געגעבען ווערען.

803. לייוראווישש.

נישט מ'שאר בכיון נישט פערגעמען קיין 2
דירות און איין אין דערועלבער שטאט, מ'קאן נאר
נישט געניסען אין אוא פאל פון די בעשטימונגען
פון רעקהעט זענען לאקאטארן־שוץ.

804. א לעזער פון 12. ליסטאפארא.

אויב די אויסשטעלונג איז געפעלשט טראגט
די פעראנטווארטליכקייט פאר דער פעלשונג דער
פערזאָן, אויף וועמענס זלעצעניע דער וועקסל איז
געוואָרען אויסגעשטעלט אדער בעסער געזאגט —
דער ערשטער זשיראנט.

805. הענעך פון פילסודסקיעגא.

ספארגע איז די סומע גרינגט דירה־געלט
אזוי לאנג כל זמן דער אורושאנד ראַיעסטשי האט
זי נישט פעסטגעשטעלט.

ביז דאמאל קאן מען צושיקען דעם הויזווירט
דירה־געלד בערעכענט לויט דער סומע וויפיל מען
האלט פאר איהר ענטשפרעכענד.

מאש'ן מאמענט אבער ווען די גרונט סומע
איז דורכ'ן אורושאנד ראַיעמטשי פעסטגעשטעלט
געווארען זענט איהר שוין פערפליכטענד צוצושיקען
דירה־געלד לויט אט דער דאזיגער פעסטגעשטעלטער
סומע, אומאפהענגיג פון אומשטאנד צו איהר האט
יא אדער נישט אפעלירט אויף דער רעצייע.

806. א פעראנטערעסירטער לעזער פון דער
אלט־שטאט.

מ'ה געהען נישט אריין אין מעריטום פון דער
זאך, צי די סחורות זענען יא געווארען בעצאלטען
אדער נישט און וואס פאר א כאראקטער דער
אופארלאשטש טראגט, מיר ערקלערען נאר אייך,
אז צו פערזארגען אויפצוזוכען א טייל בעצאהלטע־
נע סחורות איז בערופען נאר דער אויספארשונגס־
ריכטער און נישט דער ריכטער קאמיסאר איבער'ן
אופארלאשטש.

מאן אט דער דאזיגער ערקלערונג געריען שוין
מומילא פערענטפערט אלע איבעריגע אייערע
פראגען.

807. א שנייַדער מייסטער.

סאיז א פראגע ווענען וואס פאר א פאלם
פערזיכערונג ס'האנדעלט זיך.

אויב ס'געהט אייך ווענען ארבייטסלאזיגקייט
איז דער אונטערנעהמער פערפליכטעט צו פער־
זיכערען אנ'ארבייטער ווען ער איז אלט מינדעסטענס
16 יאהר. דאגעגען די פערזיכערונגס־פליכט אין פאל
פון קראנקהייט (קראנקען־קאסע) איז שוין נישט אפ־
הענגיג פון קיין שום עלטער־מינימום.

808. נישש.

א דער קאן נאר זיין אין דעם פאל ווענען די
קרעדיטארען, וועלכע פיגורירען אין בילאנס.

די אפאזיציע ווענען אויפהויבען דעם אופאר־
לאשטש קאן דערלאנגט ווערען און נאמען אפילו
נאר בלויז פון א טייל קרעדיטארען.

ז יימזוען זיך אבער פערפליכטען צו שטיצען
די פרעטענציעס פון די איבעריגע קרעדיטארען.

809. מאיר ל. פון נאפיורקאווסקיעגא.

810. א נפאי פון פאמשאזער שטיבעל.

ווענען אייערע ענינים דארפט איהר זיך פער־
זענליך פערשטענדיגען מיט אונזער יוריסט טעגליך
פון 3—4 נאכמיטאג מיטבריינגענדיג די צייטונג.

PORDANIA WENEROLOGICZNA

פון דאָקטוירים־ספּעציאַליסטען

זאַוואַדזקאַ 1.

נאָר פאַר וועגערישע הויט־קראנקה. און מענער־שוועכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער. קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָ־לאָגישע און נערווען־קראנקהייטען. קוואַרץ־לאַמפּ. עלעקטרישער הייל־קאַבינעט קאָסמעטיק.

— טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוונט. — —
פון 11 ביז 12 ביי טאָג און פון 2 ביז 3 נאָכם.
נעמט־אָן אַ פרוי־דאָקטאָר נור קינדער און פרויען
זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג.
— בעזונדער וואַרטע־ציכער פאַר פרויען. —

וויזיט 3 זל.

דאס ערשטע מיידעל

פונ'ם לעבען פון דער הייַנטיגער יוגענט אין רוסלאַנד.

פון ניקאלאַי באגדאנאוו

10.

— מיר ווילען אליין מאכען אנדערש. קיינער האט
אזא לויה נישט געמאכט, אהן דעם גלח און אהן דעם
פערשימעלטען דיאקאן. מיר וועלען שפילען אויף
גארמאָניקעס און די הויפטזאך — דיין גארמאָניקע,
דיקאראָק, דו וועסט דאך קומען! קיינער האט
נאך אזוי נישט געמאכט! דו מוזט קומען...

— איך וועל קומען, — האט געענטפערט די־
קאראָק, און אנגעריסען פאר סאניען די בעסטע
בלומען צו בעפוצען אוסאטשקינס טרומנע.

— נו. — האב איך געזאגט, ווען סאניע איז
אנטערגעשפרונגען, טראגענדיג דעם בוקעט בלו־
מען, — דער טייוועל ווייס וואס דאס איז!

— דאס איז... — און סאניע האט פלוצלונג
ארויסגעשטעלט די צונג און איז אנטלאפען פאראויס
איך האב איהר געוואלט אנאגען און זיך פערטשע־
פעט אין א בוים־ווארצעל..

אוסאטשקינס מאמע האט איינגעלעגט העלטען.
זי האט נישט געקענט וויינען, די האט זיך א
גאליע געטאן אויפ'ן דיל, וואס איז געווען אויסגע־
שפרייט מיט גרינס, דאס גרינם האט זיך איינגע־
קלאָגטערט אין איהרע גרויע האר, זי האט זיך גע־
ריסען, געשלאגען, ווערגענדיג זיך מיט א געשריי.
צוויי פרויען האבען זי אונטערגעהאלטען אונטער
די הענד.

די מיידלעך האבען זיך אומגעקערט פון
פעלד און געבראכט א סך שמעקענדיגע פעלד־
בלומען, סאניע האט גענומען בעפוצען מיט בלומען
דעם טייערען חבר, דעם קליינעם אוסאטשקינען. זיינע
שווארצע האר האבען אויסגעזעהען שעהנער פון גע־
הייַנטלעך, בעפוצט מיט'ן קראנץ.

מיר האבען געקוקט און מקנא געווען אוסאטש־
קינען, סאניעס צערטליכקייט. זיין מוטער האט זיך
ביסלעכווייז בערוהיגט און אנגעהויבען שמייכלען,
זי האט געשמייכעלט ווייל זי האט געזעהען, ווי די
בעסטע מיידלעך פון דארף, און איבערהויפט סאניע,
בעפוצען איהר זוהן מיט בלומען. מען האט נאך
קיינמאל קיינעם אין דארף נישט אזוי בעפוצט מיט
בלומען.

אונטער די פענסטער פון קלוב האט זיך דער־
הערט א גערויש און א געשריי פון קינדער. עס
האבען זיך געשושקעט און זיך בעהאלטען אין די
ווינקלען די פויערטעס, איך האב געוואלט א הויס
טון דורכ'ן פענסטער, אבער אין דער מינוט איז
אריין אין קלוב דיקאראק מיט זיין גארמאניקע און
אלעמען בעגריסט. ער האט בעקוקט ווי אזוי מען
האט בעפוצט דעם טויטען, און געזאגט:

— איך וועל עפעס שפילען וועגען טויט, וואס
איך האב אליין אויסגעטראכט:
אלע זענען שטיל געווארען.

דיקאראק האט זיך געזעצט צווישען צוויי פענ־
סטער, אין פארערשטע ווינקעל אוסאטשקינען צו־
קאפענס, און א זייפן געטון. און ער האט א זייפץ גע־
טון זיין הארמאניקע. עס האט זיך א נאס געטון
אנ'אויסערגעוועהנליכע מוזיק און וועלכער עס האט
זיך געהערט א שרעקליכער טרויער און וויינען, און
א גרויסע בעליידיגונג.

דער עולם איז פערגליווערט געווארען, הערענ־
דיג דאס שפילען, און איבער דער נאס זענען גע־
גאנגען נייע מחנות פויערים און פאראיים זענען גע־
גאנגען די גארמאָניסטען.

דיקארקא האט געשפילט נישט ווי אלע גאר־
מאָנסטען. צופאלענדיג מיט דער באק צו דער גאר־
מאניקע; ער האט געשפילט מיט א הויך־אויפגע־
הויבענעם קאפּ, און זיינע אויגען האבען געקוקט
אריבער די מענשען און געזעהען זיינע אייגענע אויס
געטראכטע ווייטקייטען, ער האט געענדיגט און ארונ־
טערגעלאזט דעם קאפּ, אלע האבען לייכטער אפגע־
אטעמט, די מוזיק איז געווען שעהן, אבער טיף און
אומפערשטענדליך, זי האט בעאומרוהיגט, געפייני־
גיגט, ארויסגערופען א וויטאג, דערפאר, ווען ער
האט געענדיגט, האבען אלע מיט אמאל א זייפץ
געטון.

אונזערע גארמאניקע־שפילער האבען איהם בעָ־
גריסט. זיי האבען זיך אויסגעזעצט אין א האלב־
בען קרייז און אנגעהויבען שפילען: „די פויט א
קרבן געפאלען". ביי די פויערים נישט נאר ביי די
באבעס, האבען זיך טרעהרען געשטעלט אין די
אויגען. דער מוטערס פנים איז פערפלייצט געוואָר־
רען מיט טרעהרען. איהר אומגליק וואס איז אוצטער
געווען אלעמענס אומגליק, איז געווארען לייכטער, ווען
אלע זענען פערכאפט געווארען פון דעם געפיהל,
און צווישען איבערדרייס פון די לידער פון גארמאניקע
שפילער ארויסגעטראטען סאניע, זי האט פערשוארט
מיט איהר האנד איהרע שווארצע לאקען, און האט
אויסגעשריען:

— יא, חברים, ביי אלעמען פון אייך שטייען
טרעהרען אין די אויגען, און נישט נאר איהר אליין
זענט גרייט צו וויינען, נאר גאנץ רוסלאנד, אונזער
פינסטערע, אומבעוואוסטזיניגע רוסלאנד, דא זענען
די טרויסע אנטלאפען אין וואלד, און דארטען געהט
אן א מלחמה מיט'ן רייסען שונא. אויב ער, דער
שונא וועט קומען און פערכאפען אונזער ערד, וועט
גאר אונז דערשטיקען מיט זיין שטיוועל
און מיט זיין קאזאקישער בייטש, און דאס
איז אלץ דערפאר, וואס די טרויסען ציטער'ען פאר זייער
אייגענער פעל. ווען אלע מיטאמאל וואלטען גע־
גאנגען צוזאמען און צוקלאפט דעם שונא — וואל־
טען מיר געהאט שלום. יא, עס וואלט געווארען שלום
און דערמאלט וואלט מען זיך נישט בעדארפט בע־
האלטען אין די וועלדער. מ'ר וואלטען געקענט בע־
ארבייטען די ערד און לעבען די פרייע ערד־ארבי־
טער. און זיי, די טרויסען, דערגענען אונזערע אומשול־
דיגע, יונגע חברים, וואס האבען מיר שלעכטס גע־
טון? מיר האבען געמאכט אנ'אלגעמיינע פער־
ווילונג.

— אמת, — האט געזאגט דער נעלער יעגאר.

— פאסקודנאקעס..

— מען דארף זיי נישט אריינלאזען אין דארף..
אלען זיי נישט וואגען אריינצוטרעטען מיט א פוס
צו אונז פאר אזעלכע מעשים..

— לאמיר אלע בעשליסען!

— און איהר, מוזיקער, שפאצירט מיט זיי
נישט! — האט „דער פוקס" געסטראשעט און גיי־
קעל, וואו עס זענען געשטאנען די מיידלעך מיט די
געבלומטע סאראפאנען.

— ריכטיג! — און די גארמאניקע־שפילער זאר
לען פאר זיי נישט שפילען! ווי נאר זיי קומען אין
פערלאזט די גאס...

די נישט־צופרידענהייט מיט די דעזערטירען איז
אלץ געוואקסען, דער דארף האט זיי נישט געקענט
מוחל זיין דעם איבערגעריסענעם ספעקטאקל, און
נאכמעהר, דעם געהרגעטען בחור, אומזיסט גע־
הרגעט!

אלע האבען געזעהען, ווי ער איז געקומען צו
פאהרען מיט דער מאכט, וועלכע האט ארענגלירט
געמשפט, — א נוצליכער מענש געווען. און זיי,
די בלוטזויגערס, פרעסען אפ דעם דארף שלעפען
מילך פון די קעלערס..

ווען מען האט אוסאטשקינען בעגראבען אונ־
טער'ן אלטען בוים, האבען זיך בעדריגע פויערים
פרייוויליג אנגעשלאגען צו טראגען די רויטע טרויער־
פאן, און דער דארפישער שרייבער, און דער קלוב־
סעקרעטאר־דירעקטאר האבען ארגאניזירט פון דער יוגענט
א א כאר, אז די לויה האט געציטערט און דאס גאנ־
צע דארף האט זיך געטראגען הויך און ווייט,

קיינמאל איז ביי אונז אין דארף אזא לויה נישט
געווען און די לויה איז געווארען א געשעהעניש פאר'ן
גאנצען דארף. די סימפאטי'ע פון עולם צו די ער־
זערטירען איז אריבער צו אונז, אזוי ווי סאניע האט
זיך אויסגעדריקט.

(פארטזעצונג קומט)

די „פטירה" פון דייטש׳ן פאַרלאמענט

(א בריף פון בערלין)

דעם 18־טען יולי ה. י. איז אויפגעלעזט געווא־רען דורכ׳ן פרעזידענט הינדענבורג דער דייטשער פאר־לאמענט וועלכער איז געוועהלט געווארען דעם 20־טען מאי 1928.

אין משך פון דעם לעצטען צעהנדליג יאהר זינט דער אויפלייזונג פון דער „נאציאנאלער פערזאמלונג" (21־טען מאי 1920) איז דאס שוין דער דריטער פאר־לאמענט אין דייטשלאנד, וועלכען קען זיך נישט אויס־לעבען זיינע יאהרען און מוז „געבעך" "אוועקגעהן" פריה פון דער וועלט. בלויז דער ערשטער פארלאמענט נאך דער נאציאנאלער פערזאמלונג האט געקענט אויס־האלטען זיינע דורך דער וויימארער קאנסטיטוציע פאר־געשריבענע 4 יאהר. דער צווייטער פארלאמענט האט שוין געדויערט מעהר נישט ווי זיבען חדשים (פון מאי ביז דעצעמבער 1924), דער דריטער איז אויך אויפגע־לעזט געווארען מיט האלב יאהר פאר דער צייט און דער פערטער „שלים־מזלדיגער גורל" האט איצטער אויך געטראפען דעם פערטען פון זיי.

אייגענטליך האט ער שוין אנגעהויבן צו „גוסס׳ן" דעם זיבען־און־צוואנציגסטען מערץ ה. י., אין דעם טאג, ווען עס איז געפאלען די „גרויסע קאאליציע", וועו די גרעסטע פארלאמענטארישע פראקציע פון די סאציאל־דעמאקראטען איז בעזייטיגט געווארען פון דער מאכט און די רעגירונג האט איבערגענומען דער פיהרער פון „צענטרום" ה׳ ד״ר ברינינג, שטיצענדיג זיך די גאנצע צייט אויפ׳ן „חסד" פון די דייטשע נאציאנאליסטען.

דער קאבינעט פון ד״ר ברינינג האט זיך אפגעגעשטעלט פון אנהויב אן אויף א מינדערהייט אין פאר־לאמענט. אזוי אז אין יעדע רגע האט מען געקענט ערווארטען זיין אונטערגאנג. ד״ר ברינינג, דייטשער פרעמיער־מיניסטער, האט זיך אבער אנטשלאסען דורכ־צופיהרען זיינע פעראָרדנונגען אפילו געגען דעם ווילען פון רייכסטאג, דאס הייסט מיט דער אנווענדונג פון פאראגראף 48 פון דער דייטשער קאנסטיטוציע (לויט דעם דאזיגען פאראגראף קען דער מלוכה־פרעזידענט אין א צייט פון אומרוהען אין לאנד אליין פעסטשטעלען געזעצען). שטיצענדיג זיך אויף דעם פאראגראף, האט פאריגען דינסטאג, 16־טען יולי, אונטערגעשריבען דער מלוכה־פרעזידענט 2 פעראָרדנונגען, כדי אויסצוגלייכען מיט דייער הילף די אויסגאבען און ארדענטליכען בודזשעט־יאהר און וועלכע זאלען ערמעגליכען דער רע־גירונג צו פערקלענערען אביסעל דעם 540־מיליאניגען דעפיציט. לויט די דאזיגע 2 סענסאציאנעלע פעראָרד־נונגען האט געזאלט בעשטימט ווערען א ספעציעלער שטייער, וועלכער זאל עקזיסטירען ביז׳ן 31־טען מערץ 1931, און וועלכער זאל איינגעמאהנט ווערען: ערשטענס, ביי פערזאנען פון עפענטליכע דינסט, וועלכע פערדינען מעהר פון 2000 מארק א יאהר, צווייטער ביי בירגער, וועלכע פערדינען מעהר ווי 2600 מארק א יאהר אין צוויי ערשטענס, זאלען האבען די שטאט־פער־וואלטונגען דאס רעכט צו נעהמען ביי אלע בירגער פון 20 יאהר אן אנאזוי־גערופענעם אייגענעם „בירגער־שטייער". די סאציאל־דעמאקראטען האבען דערזעהן אריינגעטראגען טאקע אין דעם קריטישען פרייטאג א פארשלאג אז דער רייכסטאג זאל מבטל מאכען ביידע דעקרעטען פון הינדענבורג׳ן, און ווען זייער פארשלאג איז מיט א מעהרהייט פון 15 שטימען אנגענומען געווא־רען (221 : 236) דאן האט דער פרעמיער־מיניסטער אי־בערגעלייענט דעם בעקאנטען דעקרעט וועגען פע־ראנדערלאזען דעם פארלאמענט.

אויפ׳ן 14־טען סעפטעמבער ה. י. וועלען בעשטימט געווארען די נייע וואהלען. צי וועט אבער דער נייער פארלאמענט זיין א מעהר ארבייטס־פעהיגער ווי דער לעצטער איז א גרויסע פראגע.

דער שווערער ווירטשאפטליכער קריזיס, וועלכען דייטשלאנד לעבט איצט איבער, האט געבראכט דא צו אזא לאגע, אז נאר די צוויי עקסטרעמע אנטי־פאר־לאמענטארישע פארטייען: די קאמוניסטען און די פעל־קישע אנטיסעמיטען קענען האפען אויף א נצחון בעת די נעכסטע וואהלען. אמבולסטען בעווייזען קלאהר די לאגע די לעצטע וואהלען צום זאקסישען לאנדטאג, וואו די היטלעראווצעס האבען פערדרייפאכט און אין א״ניגע ערטער אויך פערפיערפאכט זייערע שטימען. די צוויי פארטייען האבען דאך ביידע א בולטען אנטי־רעפובליקאנישען און אנטי־דעמאקראטישען כאראק־טער און זיי וועלען שטערען יעדע רעגירונג ביי דער ארבייט. גראדע דער לעצטער אויפגעלייזטער פארלא־מענט איז געווען אין דער היגזיכט א ארבייטס־פע־היגער, אין כל־זמן אזיבען־אז איז געשטאנען די אויסערק־פאליטיק, האט געהערשט א הארמאנישע צוזאמענאר־בייט צווישען פארלאמענט און דער רעגירונג פון דער „גרויסער קאאליציע". סוף־כל־סוף האט דאך דער רייכסטאג ראטיפיצירט דעם יאנג פלאן. וועלכער האט דאך געבראכט צו דער בעפרייאונג פון די רהיין־גע־ביטען און צו די נאציאנאלע פרייהייטס־פייערונגען אין מאינץ און וויסבאדען מיט א פאר וואכען צוריק. אבער תיכף ווען די פינאנציעלע און ווירטשאפטליכע פראבלע־מען זענען אוועקגעשטעלט געווארען אויפ׳ן ערשטען ארט, איז געקומען צו א שפאלטונג אין די רייהען פון די קאאליציע־פארטייען, וואס האט געמוזט ווי־לענדיג, צי נישט ווילענדיג, מיט זיך ברענגען דעם פייטאהיגען פונאנדערלאזונגס־דעקרעט.

ביי דער איצטיגער סיטואציע זענען כמעט נישטא קיינע אויסזיכטען, אז דער פינפטער רעפובליקאנישער רייכסטאג, וועלכער וועט געוועהלט ווערען דעם 14־טען סעפטעמבער, זאל ברענגען א גרויסע ענדערונג אין דעם שווערען פארלאמענטארישען מצב פון דייטשלאנד.

חנוך דרויז

א רב פון טשעכאסלאוואקיי איינגעלאדען

איבערצונעמען דעם כסא־הרבנות אין פיעטרקאוו

פראג (טי״א) דער רב לאוי אין פרעשאוו, מזרח־סלאוואקיי, איז דורך דער קהלה אין פעטריקאוו איינ־געלאדען געווארען צו פערנעהמען דעם רבנות־אמט נאך דעם הרב שפירא, וועלכער נעמט איבער דעם כסא־הרבנות אין לובלין.

א יודישער מאלער פון פוילען פארטרעטירט פראפ. איינשטיין

בערלין (טי״א) דער קונסט־מאלער אליהו גראסמאן פון ניו־יארק, וועלכער ווייל׳ט זיט איניגע טעג אין בערלין, האט מיטגעטיילט דער י.ט.א., אז ער האט אויסגעפערטיגט א פארטרעט פון פראפ. איינ־שטיין אין קאפערשטיך. הי׳ גראסמאן פאהרט פון בערלין אויף א בעזוך אין זיין געבורטס־שטאט קאברין אין פוילען.

באהן־צוג צושניידט איהם אויף שטיקער

שוידערליכער פאל מיט א גענז־הענדלער

אויף דער באהן־ליניע צווישען פאביאניץ און לאסק איז נעכטען פארגעקומען פאלגענדער שוי־דערליכער פאל:

דער איינוואוינער פון דארף באושען־ראק צעגעלסקי האט געטריבען אויפ׳ן מארק קיין לאדז א סטאדע גענז ווען ער האט זיך געפונען מיט דער סטאדע ביים דורכפאהר אויף די שינעס האט ער נישט בעמערקט, ווי עס קומט אן פון דער זייט א צוג פון לאדז. צעגעלסקי האט דערהערט דעם לאָ־קאמאטיוו ווען דער צוג איז אויף איהם אנגעפאה־רען און איהם צושניטען אויף שטיקער.

וועגען דעם שרעקליכען פארפאל האט מען מיטגעטיילט דער פאליציי וועלכע האט נאכ׳ן צו־זאמענשטעלען א פראטאקאל וועגען דער געשעהעניש אפגעפיהרט דעם טויטען קערפער קיין לאסק. א צו־ אויספארשונג אין דעם ענין ווערט געפיהרט.

200 טוער פון דער געוועזענער יעווסעקציע

פערלירען זייערע פאסטענס

מאסקווע (יט״א) דער „עמעס" טיילט מיט, אז העכער צוויי הונדערט טוער פון דער ליקווידיר־טער יעווסעקציע וועלען איצט פערלירען זייערע אמ־טען אלס אויפזעהער איבער יודישע אנגעלעגענהיי־טען און איבער 40 קרייזען פון ראטען־פערבאנד.

די דאזיגע יודישע קאמוניסטישע טוער האבען אויף איצט צו זיין טאנגעבער אין דעם יודישען לעבען, ווייל דער צענטראלער קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי האט בעשלאסען איינגעזעצן ליקווידירען די קרייז־צענטערען און צוזאמען דערמיט אויך אלע קרייז־אנשטאלטען, איינשליסענדיג דעם אנשטאלט פאר אנפיהרען מיט די אינטערעסען פון די נאציאנאלע מינדערהייטען.

אין צוזאמענהאנג מיט דער דאזיגער רעארגאני־זאציע איז מעגליך, אז די יודישע קאמוניסטישע צייטונגען וואס ערשיינען אין ארעס, בערדיטשעוו, קיעוו און וויטעבסק, וועלכע ווערען פערהאלטען אלס קרייז־צייטונגען, וועלען איצט אויפהערען צו ערשיינען, ווייל עס וועלען נישט זיין די קרייז־סאוויעטען, פון וועמען די דאזיגע יודישע פראוו־ינציעלע צייטונגען פלעגען בעקומען די מיטלען צו ערשיינען.

סאוויעטישע רעגירונג ענדליך אונטערגעשריבען אנ׳אפמאך

מיט דער לאנדאנער יודישער הילפס־פעדעראציע

מאסקווע (יט״א) נאך פערהאנדלונגען, וואס האבען זיך פערצויגען העכער א מאנאט צייט, האט דער „קאמועט" אין נאמען פון דער סאוויעטי־שער רעגירונג ענדליך אונטערגעשריבען אנ׳אפמאך מיט ד״ר יאכעלסאן, פארזיצער פון דער לאנדאנער יודישער הילפס־פעדעראציע, ערלויבענדיג דער פעדעראציע אנהויבען א הילפס־טעטיגקייט צווישען דער ארימער יודישער בעפעלקערונג אויף אוקראינע.

די פעדעראציע האט אזא אפמאך מיט׳ן „קאמועט" שוין געהאט אונטערגעשריבען נאך דעם לעצטען זומער. אבער צוליב די לעצטע אנטי־סאוויעטישע ארויסטרעטונגען פון רב־הכולל פון ענגלאנד און עהרען־פארזיצער פון דער פעדעראציע הרב הערץ, האט דער „קאמועט" נישט בעשטעטיגט דעם אפמאך. ד״ר יאכעלסאן איז דעריבער פערזענליך געקומען קיין מאסקווע, אויפסניי אנגעהויבען פערהאנדלונגען מיט׳ן „קאמועט" און איז ענדליך געקומען צו א פערשטענדיגונג.

דער שניט פון יודישען דארף

אין רוסלאנד

מאסקווע (יט״א) צוליב דעם, וואס הייאהר איז דער פערזיי־שטח אין די יודישע קאלאניעס גרעס־סער ווי פאר־א־יאהרען און צוליב דער גוטער גע־ראטעניש אין, קרים און אויף אוקראינע, פעהלען אויס ארבייטס־הענט ארויסצונעהמען די תבואה פון די פעלדער.

א גרויסע צאהל בריגאדעס פון יודישע און נישט יודישע ארבייטער, אנגעשטעלטע, שילערינגער און סטודענטען זענען אוועקגעפאהרען פון די שטעט און שטעטלעך צו העלפען די יודישע פויערים ארויס־צונעהמען פון די פעלדער.

דער רייך־יודישער קאלאניזאציע (אגודה־שרה־דמנוחה) ראיא: שטעהט אונטער געפאהר פון דורכפאל צוליב דעם, וואס עס פעהלען אויס דרעש־מאשינען און דער עיקר — זעק.

די יודישע „קאלכאזען" (קאלעקטיווע ווירט־שאפטען) „סמירנאוויטש", „וועג צום סאציאליזם" און „קיפערארוקע" האבען אפגעשיקט די ערשטע תבואה־ספארשטען תבואה צו 1000 פוד יעדערע „א מתנה צום 16־טען פארטיי צוזאמענפאהר". דעם ערשטען „רויטען אפאז" נייראבגענומענע תבואה פון כערסאנער ראיאן. האבען צוגעשטעלט די יודישע קא־לאניסטען פון סאקארווסקער ראיאן, כערסאנער קרייז. די יודישע קאלאניסטען ווערען ארויס־געשטעלט אין דעם פרט אלס מוסטער פאר דער נאנצער ארומיגער בעפעלקערונג.

Dr. med. J. Lubicz

ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 18-31

קרומקייטען פון די ביינער, געלענקען, פערק ימונגען פון די פלייצעס און גלידער

אייגענע פראצאווניע פון וועמליכע ארטאפעדישע אפאראטען, ווי: קלאדקעס אויף פלאטפוסען, קינסטליכע גליידער א. א. וו. נעמט אן פון 2,30 ביז 4,30 נאכם.

דער מארד אין דער נאכט

(51

גרויסער שפאנענדער סענסאציאנעלער ראמאן

דעם שרייבערס מיינונג וועגען הייטאגען און איצט געווען קלאר:

דער באנקיר האט פראסט־פשוט צוגעגנב׳עט דאס געלד מיט דער אויסרעכענונג, אז דער חשד פון דער גנבה וועט פאלען אויף דעם סעקרעטאר וואקס.

שאקרושע האט אזוי געקאנט האנדלען אנ־ארענטליכער מענש?

שאקרושע האט אנארענטליבער מענש געקאנט פלאנעווען צו ענטלויפען מיט אנאוואנטוריסטקע, איבערלאזן ענדינג אויף הפקר א טרייען, ליבענרע פרוי?

צום גליק האט זיך דער גורל אריינגעמישט אין דעם ענין, און מיט אן (אוננבהמגות־דיגער) דאנר איבערגעהאקט די פערברעכערישע פלענער.

דער דאזיגער מענש האט ארויסגעשניטען דאס, וואס ער האט פערזיהט פאר אנדערע.

— פארוואס אבער האט איהר עס אונז נישט דערציילט אין סאמע אנהויב? — האט ריקמאן א פרעג געטאן.

— ערשטענס, דערפאר, ווייל איך האב צוגע־זאגט דעם פעטער, אז איך וועל שווייגען, און צווי־טענס, האט ער מיך געווארענט, אז אויב איך וועל זיך ארויסכאפען מיט א ווארט, וועט ער אראנזשירען פערמארדען די טאנטע, כדי צו נוקם זיין זיך פאר׳ן פעררעט. דאס איז געווען די הויפט־אורזאך פון מיין שווייגען....

— א ליגען! — האט ריקמאן א טראכט געטאן — ווי שרעקליך הוימאן האט זיי גענארט!"

צוריקקומענדיג קיין לאדז, האט ער גענוי אי־בערגעגעבען טארטשינסקין דעם שמועס, וואס ער האט געהאט מיט מאריאן.

דער געהיים־אגענט איז געווען שטארק צופרי־דען מיט די דערגרייכטע רעזולטאטען.

— איך האב אייך אבער געזאגט, אז הוימאן האט געהאט דאס געלד אין, מאמענט פון מארד! — האט ער טריאומפירענד אויסגערופען — אנזאלטער פאסקודניאק!... אזא כיטרע מעשה צוטראכטען!... בנאמנות, דער מערדער דערהייבט זיך, אז זיין גורל זאל פערלייכטערט ווערען!...

— דערווייל שפאצירט דער מערדער ארום אויף דער פריי! — האט ריקמאן טרוקען בעמערקט.

אויפ׳ן צווייטען טאג האט ער נישט בעוויזען אויסצוכאפען זיך פון שלאף, ווי טארטשינסקי האט זיך אריינגעריסען צו איהם אין צימער מיט א שמחה מיט א פרייד.

— איך האב געפונען דעם פערשוין, וואס האט דער ערשטער אנגעטראפען אויף דער לאבענדוקאס טויטען קערפער! — האט ער אויסגעשריען — ער קוים בעהערשענדיג זיך פאר אומגעדולד. — ער האט מיר אפגעגעבען דעם מעדאליאן, וואס ער האט האן ארונטערגענומען פון דער אומגליקליכער מיידעלס האלז!... אט, קוקט!... קוקט זיך גוט צו!.. א גאלדענער מעדאליאן מיט אנאויפשריפט איינגעווענט!... „מ. ל. פון ג. ה." דאס הייסט, דער מיידעל פון איהר געליבטען.

— פון דעם געליבטען פון מאריש׳ע לאבענד־רוקא?! — איז ריקמאן אויפגעשפרונגען פון בעט.

— יא, יא!.. פונ׳ם געליבטען, וואס מיט איהר געווען אין יענער טראגישער נאכט!.. פון דעם, וואס האט דערמארדעט הייטאגען!... איהר זעהט די איניציאלען: „ג. ה."... גוסטאוו האקס... דאס איז ער דער מערדער!

קאפיטעל דריי - און - צוואנציג

דער ווידוי

עס איז פאקטיש געווען א וואהרע וויכטיגע ענט־פלעקונג:

פון די אלע, וואס טארטשינסקי האט לעת־עתה חושד געווען, איז אמווינציגסטען געזען געקומען אין בעטראכט דער סעקרעטאר פון באנק.

עס איז זיך שווער געווען פארצושטעלען, אז דער דאזיגער שרעקעדיגער, כאראקטערלאזער מענש האט געקאנט געפינען אין זיך אזוי פיל דרייסטקייט און כאראקטער־פעסטקייט, צו ענטשליסען זיך אויף אזא שווערען פערברעכען.

דער מעדאליאן האט אבער קאטעגאריש ערות געזאגט, אז ער איז געווען דער ליבהאבער פון דער לאבענדרוקא, און אז מחמת אייפערזוכט האט ער זי נאכגעפאלגט אין יענער נאכט, און אז ער האט דער־הרגעט דעם באנקיר, אנטרעפענדיג אויף איהם, בעת ער האט זיך בעגעגענט מיט זיין געליבטער...

אזוי, ווענינגסטענס, האט טארטשינסקי זיך גע־מאכט קלאר די לאגע, אין דער צייט, וואס ריקמאן האט זיך געאיילט אנצוטאן.

— אלץ און אייער טעאריע איז פיל מיט ספק רויות, — האט ריקמאן בינו לבינו א זאג געטאן — ווען מ׳זאל זיך אפילו פארשטעלען, אז וואקס איז געווען דער לאבענדרוקאס קאוואנער, (איך בין מספק אז דאס איז גאנץ מעגליך, אירטייקענדיג לויט די אינ־צאלען אויפ׳ן מעדאליאן). בעווייזט עס נאך אבער נישט, אז ער איז געווען אין יענער נאכט מיט דער לאבענדרוקא אויפ׳ן טאראפאראנאס. בלויז די אליין וואלט עס געקאנט געגעבן זאגען, אבער טויטע שווייגען, לײדער!

טארטשינסקי האט א שאקעל געטאן מיט׳ן קאפ.

— איך בין זיך מודה, אז אין מיין קייט פעה־לען עטליכע רינגען... אזוי־ווי אבער איך בין זיכער, אז וואקס איז א מערדער, בלייבט אונז אויס נאר ארויסצורייסען פון איהם דעם אמת...

— ווי אזוי רעכענט איהר עס ביי איהם ארויס־צורייסען?

דער געהיים־אגענט האט פילדייטיג א שמייכעל געטאן, און ארויסגענומען פון טאש א בעפעהל צו ארעסטירען וואקס׳ען.

— מיט א שעה צוריק האב איך זיך פערזארגט מיט אזא מין פתיבה׳לע, — האט ער דערקלערט — ווי נאר איך האב דערזעהן דעם מעדאליאן, האב איך תיכף אנגענומען די נויטיגע מאס־מיטלען.. חוץ דעם האב איך באלד פערבעטען וואקס׳ן דא־אהער, צו אייך אין דער וואוינונג... ווען ער וועט קומען, וועל איך איהם אנשרעקען מיט׳ן ארעסט־בעפעהל, אזוי אז ער וועט אלץ דערציילען, און און אלץ זיך מודה זיין.

(פארטזעצונג קומט)

ŹRÓDŁO
dodatków krawieckich
5 OGRODOWA 5

עמפפעהלט
צו די ביליגסטע פרייזען זעמטליכע שניידער-צודאטען
פון די בעסטע סארטען ווי:
אלפאגא ערמל-פוטער
וויקטאריא וואלשאנקע
בעק טאשען
קלאט שטייפע לייוועגט
בעמערקונג: - געדענקט די אדרעס אגראדאווא 5

וויכטיג פאר לעטניקעס!!
די ערשטע לאדזער גוט בעקאנטע
פאבריק פון פאטענטירטע פעלד-בעטען
מאכט בעקאנט, אז צוליב'ן קריזיס האבען מיר פערקלענערט די פרייזען פון אונזער אויסארבייטונגען
ווי: פעלד-בעטען, פעלד-בעטען מיט ווענטלעך, לעזשאסעס
טאבארעטקעס און האמאקעס
אונזערע פעלד-בעטען זענען פערזעהען מיט דער שוץ-מארקע „Palma-Patent",
פאר וועלכע מיר גאראנטירען אויף פיל יאהרען.
אכטונג: פאדערט איבעראל פעלד-בעטען נור מיט דער מארקע „Palma-Patent"



„PALMA-PATENT" מיט אכטונג פירמע
אינה. שווארצאווסקי
פולנאצנא 24, טעל. 131-85
בעמערקונג: פאר פראווינץ - בעדייטענדע ראבאטען.

לעזט!
אכטונג! אכטונג!
קאנקורענץ-פרייזען!
כדי צו ערמעגליכען די ברייטסטע קרייזען פון ג' פובליקום צו בעקו־מען א ביליגע און גוטע קינסטלערישע אויפנאהמע זענען די פריי־זען אין מיין פאטאגראפישען אנשטאלט געווארען פערקלענערט ווי:

12 שטיק („Express pictures") זל. 2
6 „ פאסט-פאטאגראפיעס „ 2
6 „ פאסט- „ ברוין „ 6
6 „ „ „ אויף זייד „ 8

אכטונג! צו א ½ טוץ זיידענע פאסט-פאטאגראפיעס גיט מען צו אכטונג!
אנ'אריגינעלען פארטרעט בחנם!!
ס'ווערען אויך אויסגעפערטיגט פארטרעטען אין ראהמען און אויך א פערסויף פון ראהמען
קומט און איבערצייגט אייך!
„PARISIEN" מיט אכטונג
קונסט-אנשטאלט
פראנציסקאנער 30.

לייפציגער מעסע
(יריד)
פונם 31 אויגוסט ביזן 5 סעפטעמבער 1930
די טעקסטיל-מעסע
פונם 31 אויגוסט ביזן 3 סעפטעמבער 1930
די ספארטארטיקעל-מעסע
פונם 31 אויגוסט ביזן 4 סעפטעמבער 1930
די בעסטע און גרעסטע געלעגנהייט
צום איינקויפען פון דער גאנצער וועלט
אויסקונפטען
בעקומט מען ביי דעם עהרענאמטליכען פערטרעטער
WŁADYSŁAW GLAZER, WARSZAWA
Aleje Jerozolimskie 41, tel. 230-55.
בעצירקס-פערטרעטער
פאר לאדז, פאביאניץ און זגערוש
Alwin Haertig, Łódź, Pusta 11.

זיכערע הילף און א רפואה
אהן א אפעראציע, אן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיסונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער ווייבער און קינדער. פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס און פיסן

פערלאזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-בראך ווערט גרויס אזוי ווי א טעגשען-קאפ, אדער אזוי ווי א וואסער-קאן און עס פעלט ארויין אין דעם כוח און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראנדיג און שטערבליך. ספעציעל גוטע הייל-באנדאזשען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פראפעסארן מיט מיינע בעהאנדלונג און פון דייטשען פראפעסאר-דאקטאר בראכגרעוונג בעזונדערן זיכער דעם שווערסטען און געפעהרליכסטען

ברוך. אויך פאר הויקערס לאמנגען מיט הייל-גארטען און אפאראטען פאר פערקרימטע פיס און פלאטס-פוס ספעציעלע אינלאגען אין די שיך. קינסטליכע גלידער פיס און הענד, גומענע זאקען פאר די גרעסטע קראנקע אדערן.
עמפפאנגט פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אווענד.
ארטאפעדישע אנשטאלט
Specialist J. RAPAPORT Ortoped von Lemberg
Łódź, WÓLCZAŃSKA 29, front II p.
בעמערקונג: דאס ערוועגליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונבעדינגט נויטיג, דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען: פראפ. ד"ר בארענטש, פראפ. ד"ר י. מארישלער, פראפ. ד"ר בר. קיעלאנאווסקי און אויך אנדערע. מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע.
דאנקזאגונג.
דעם בעריהמטען ספעציאליסט ה' י. ראפאפארט, דיר. פון ארטאפעדישען אנ־שטאלט אין לאדז, וואולטשאנסקא 29, פראנט, II שטאק, דריק איך אויס עפענטליך מיין הארציגע דאנקבארקייט פאר זיין אפלעגען מיר דעם ספעציעלען ארטאפעדישען הייל-גארטעל און זיין מעטאדע, וועלכער האט מיך אויסגעהיילט געגצליך. ס'האט מיר געדראהט צו פלאצען דער רוקען צוליב'ן הויקער און יעצט בין איך געזונד און בין פעהיג צו דער ארבייט.
M. MORGENROTH, sędzia apelacyjny.

די מעכאנישע
שלאסעריי און שווייסעריי
פיהרט אויס זעמטליכע מאשין-רעפא־ראטורען, שווייסונגען, צופאסונג פון מאשינען-טיילען מיט גאראנטיע און
:-: געגען ביליגען פרייז :-:
J. REDER, Łódź
11 קאנסטאנטינער 11 (רוג זאכאדניא)
פריוואט-וואוינונג: גדאנסקא 20.

טריקא-וועש
ס'איז נויטיג א קוואלי־פיצירטע טריקא-נייהערין.
צו מעלדען זיך ביי לאנדוי, נאוואמיעסקא 15

דער פאביאניצער
רבי שליט"א
פון נאווא-צעגעלניאנא 10 איז געפאהרען נאך ציעכאצינעק אויף 4 וואכען.
7905

צו אלע"ה פריזיערס
צו וואס ארויסווארפען געלד, אז איהר בעקומט ביי מיר ביליגער און א רייכער'ן אויסוואהל פון די פערשידענסטע קעלנישע און בלומען-וואסערן, ווי אויך אלערליי שטאהל-זאכען.
ביליגסטע קוועלע
Perfumerja J. Drukier
5 Zawadzka 5, tel. 175-92

Komunikacja autobusowa
ŁÓDŹ-PIOTRKÓW
Autobusy na powyższej linji odchodzą do Piotrkowa o każdej pełnej godzinie począwszy od 8 rano do 20 w wieczór ze stacji autobusowej przy ulicy Rzgowskiej 85, dojazd tramwajami 11 i 4. Czas przejazdu 1 godz. 30 minut. Cena zł. 3 gr. 50.

Dr. med.
W. Eychner
נינעקאלאג אקושער
זגערזשער 11
טעלעפאן 72–134
נעמט אן אינדערהיים פון 3-2 פ. מ. פון 9-7 נ. מ.
אין קליניק „סאנאטא"
אגראדאווא 10 פון 12–1

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען
און דענטיסטישער קאבינעט.
גושעוושינער 11, טעלעפאן 3763
אפען פון 9 פריה ביז 7 אווענד.

ד"ר אימיך נאז, האלז, אויערן ק'	4½–3½
ד"ר ספרשנער קינדער-קראנקה.	11-9 4½-3
ד"ר שיפמאן אינערליכע קראנקהייטען	12–3
ד"ר ביבערגאל הויט און מענער.קר.	11½–12½
ד"ר שמירגעלד נערווען און גמטעליכע קר.	1–2
ד"ר גאלדבלאט אויגען-קראנקה.	12½–1½
ד"ר וויים כירורגישע קראנקהייטען	2–3
ד"ר שפערלאווסקי פרויען-און געבורטס-הילף	4½–3½

פסיכא-טעראפיע, שפראך-שטערונגען ווי שטאמלען א.א. ווי פאקען-שמעלען, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראהל. אינ־שפריצונגען, מאסאזשען, עלעקטריזאציע, אפעראצ. אויך פערלאנג וויזיטען אין שטאט. און לאבאראטאריום. ווערען אנגענומען אלע ארט אנאליזען, אויך פלעגמע און בלוט
אימפונגען געגען שקארלאטין.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען
א רענטגען-אינסטיטוט.
ד"ר לאזשינסקי-טאראפאלסקא
צאהן-ארצט 10—1, 3—6
קינסטליכע ציינער, קראנען, פאמבען א.א.וו.
די לעטשניצע איז טעטיג אויך זונטאג

Dr. Med. NIEWIAŻSKI
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע.
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
נעמט אן פון 8–11 פארמ. און פון 5–9 אווענד
זונטאג און יום-טוב פון 9–1 פארמ.

Dr. Z. Rakowski
ספ. פאר אויערן-, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקה.
9 קאנסטאנטינער 9 טעלעפאן 27-81.
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פ. . -7. נעמט אויך אן לעטשניצע, זגערזשער 17, פון 10 — 11 און פון 2—5

Dr. Rożaner
הויט, ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע
צוריקגעקעהרט
Dzielna (Narutowicza) 9 tel. 12-988
נעמט אן פון 8–10 פריה און פון 5–8 אווענד.
ספ. ווארטע-זאל פאר פרויען.

הלך בתום ילך בטח
ומעקש דרכיו יודע
גויל אלו וקיעי, קני כל חורש תא:
דיו אלו ימי וכל מי בנישו תא:
דירי ארעא ספרי ורשמי ושו תא:
קענען נישט איבערגעבען דאס רע־יעלקייט פון דער אלט - בעוואוסטער
רעכטסקאנסולענטען-ביורא פון ה'
מאנעלא, פיעטריקאווער 17
(זאכאדניא 52) טעל. 148-79
וואו צו ווערט פינקטליך ערלעדיגט, געווי־סענהאפט געשריבען אלערליי ביטעס: ציווילע, סארגע, האנדלאווע, אפע־לאציעס, ארוואלאניעס, סלאזוולעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעדט אין פוילען, וועגען דירות אין אורזשאנד רעזיעמטשי, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען. מיט אכטונג ד. מאנעלא,
פעטריקאווער 17.

מאשין-לעכער
ווערען אנגענומען אויסצונייהען
ביי ג. נארדמאן, צעגעלניאנא 29.

בעקאנטמאכונג.
אזוי ווי אויף מלינארסקא 7 געפינט זיך א ביורא אונטער'ן נאמען „אבראנא", ערקלער איך, אז די דאזיגע ביורא האט נישט קיין שום שייכות מיט מיין ביורא „אבראנא", וואס געפינט זיך אויף דער שענקעוויטשא 15, און דאס פערוופען זיך אויף מיין נאמען וועל איך בעטראכטען אלס שאנטאזש און צוציהען די שולדיגע צו פעראנטווארטליכקייט.
מאקס בארנשטיין
שענקעוויטשא 15.

וועכבעריז כירורגישע קליניק
„SANATO"
אגראדאווא 10, טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאס
ערצטליכע אויפזיכט
איבער דער מוטער און קינד.
פרייזען פון געבורט
אין 2-טע קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען
200 זל.

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז – 5 זל. א חודש מיט אהטראגען א היים; אויף דער פראווינץ 6 זל. א חודש אין אויסלאנד – 8 זל.
פאר'ן איינהאלט און טערמינפון די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך.
די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

אנאנסען-פרייז: פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפאלטען
אין טעקסט—40 „ „ „ „ „ 60— „ „ „ „ 4 „
נאכ'ן טעקסט—12 „ „ „ „ „ 18— „ „ „ „ 8 „
פאר א מילימעטער-שורה:
מיליסער דער שטאט 50 פראצ. טייערע. אויסל. 100 פראצ. טייערע. מעלדונגען—10 גר. א ווארט

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.